בעה"י שליט"א

זה השער לה' צדיקים יבאו בו

ספר

# חזון ישעיה

לעבענס בעשרייבונג וויא אויך ערצעהלונגען
ספורי מעשיות פאן דען היילינגען וועלטבערימטען
הרב הצדיק יסוד עולם, עמוד גמילות חסדים,
וועלכער בעקאננט איזט אונטער דען נאמען

מרן רבנו

## ר' ישעיעלע קערעסטירער

זללה"ה זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

איבערגעארבייטעט פאן ספר מי באר ישעיה, וויא
אויך הוספות, זאלכע סיפורים, וועלכע איך האבע
דארט ניכט ערוואהנט. איך האבע דאס אויף יודיש
דייטש איבער זעצט, דאס יעדער יוד זאלל דאפאן
קענען נהנה זיין.

---

כל זה לקטתי בעזר ישע-יה


יוסף מרדכי במהרי"א גינצלער
עבד עברי בתוך הגולה.



שנת הנה אנכי שולח לכם אליה הנביא לפ"ק.

בדפוס יהושע יהודה גלאנץ טארנא
סלאוואקיי.

# הרמן ורשותא

## מכבוד הה"צ המה"ג בנש"ק המפורסם לשם ולתפארת ערגת הבושם מאוד נעלה וכו' ה"ה הרב מה"ר אברהם זצ"ל בן איש חי רב מפעלים צים"ע מרן רבנו הק' ישעי' מפה.

**ויהי** אחרי פטירת רבנו הק' בקשתי רשות מבנו יחידו הה"צ זצ"ל להדפיס תולדות והתנהגות וסיפורים ודרכו בקדושה מאת כבוד אביו הה"צ זצ"ל, ונתן לי רשות, ואמר שמבלעדי לא ירים איש את ידו להדפיס שום דבר בשום אופן שבעולם ואין לזרים חלק בו. וצוה לחתנו ההמה"ג נופך ספיר ויהלם וכו' מו"ה רב **מנחם** כהנה שליט"א שיכתוב לגיסיו ה"ה התני רבנו זצ"ל שלא יתנו רשות לשום אדם, כי כבר נתן לי רשות, והרשות בידי, והוא בעצמו חתם את המכתב.

**ובכח** זה אני אוסר להדפיס בלי רשותי, ובפרט כי אדם אוסר את שלו, על כן אנכי אוסר באיסור גמור להדפיס מאת רבנו הק' שום דבר בכל ערמה שבעולם ובכל מדינה ומדינה ככתבה ועם כלשונו. ובודאי שארית ישראל לא יעשו עולה להשיג גבול שגבלו הראשונים. וכל העובר לא ינקה במלכותא דארעא ובפרט במלכותא דרקיע, כי פורץ גדר וכו' ולהשומעים יונעם וישכון בטח ושאנן.

---

## כגון דא אנן צריכין למודעי בשער

**אם המצא תמצא** בספרי תיבת גוי, עכו"ם או נכרי, אין הכוונה על האומות העולם שאנו חוסים בצלם, כי אם סובב על האומות שלפנים, עובדי כוכבים ומזלות, לא כן האומות שאנחנו מסתופפים ביניהם, כי מצטווים אנו להתפלל בשלומם, כמאמר חכמז"ל והוי מתפלל בשלומה של מלכות.

---

## מודעה רבה

להשיג ספרי זה וגם ספרי מי באר ישעי' (והוא תולדות וספורים והתנהגות מאת רבנו הק' בלשון הקודש) יפנה אלי. האדרעססע שלי:

**Günczler József, Bodrogkeresztur (Ungarn).**

# אקדמות מלין

יעוררוני הפשטנים ובקשוני התמימים, לחוק בעט ברזל ועופרת, בלשון המורגל בפי המון עם מדברת, למען יעמוד למשמרת, פעולותיו וקורותיו ותולדותיו ודרכיו המסולאים בפז ופנינים, מאת אדם הגדול בענקים, מופת הדור, קודש קדשים, עמוד גמילות חסדים, אספקלריא המאירה, אוהב ישראל, מנורה הטהורה, האי סבא קדישא, מרן רבנו ישעי' זצ"ל אשר ישב על כסא קדשו פה קערעסטיר יותר מחמשים שנה, כלם שוים לטובה,

למען ידעו דור האחרון ולמען ישבעו ויתענגו גם הם את נפשם, נעתרתי למבוקשם, והעתקתי מספרי מי באר ישעי' את שער חזון ישעי', ולכן קראתי לשם ולתפארת, חזון ישעי' לזה המחברת, כשמו כן הוא כולל מעשה רב וחזיון ספורים נפלאים ונוראים, ועוד לקטתי בלקט שבלים, וגם דרך אגב כתבתי בקיצור מאמרים' תולדותיו ודרכיו הישרים, קצרתי כי לא יכולתי לטייל באריכות בתהלות ותשבחות' אמנם אז נצרך להדפיס חיבור גדול ונורא, מרוב צדקתו וקדושתו הטהורה, הנודעה לעם סגולה בכל תפוצות הגולה, וגם מי זה האיש אשר יגבה לבו וירהב בנפשו עוז לאמר כזאת, אנכי אוכל לתאר את רוב צדקתו וגדולתו של האיש פלא הזאת, אשר היה נחבה אל הכלים והצנע לכת בעבודתו, חוץ מצדיקי דורו, כמעט אפשר לא הי' איש אשר יכול להשיגו, כי הכל עשה ונהג על דרך הפשטנות, ועכ"ז נהרו אליו לאלפים ורבבות צדיקים והסידים חכמי ישראל וגדולים, אנשי מעשה ותמימים, נגידים וקצינים, וכלם משבחים ומפוארים, אף אם לא ראו הבינו כי אור מכוסה הוא הפלא ופלא, יקרה מפנינים, כי פעל בתפלתו תפלת צדיק תמים, לשוב לנו כל הימים, והאיר לארץ ולדרים.

כבר קדם רבנו זצ"ל זאמר מילתא בטעמא, להבין מעט מזעיר דרכי עבודתו התמה, שמעתי מפי אחי הה"ג חו"פ וכו' מו"ה רב אברהם צבי גינצלער דומ"ץ דק"ק הומנא שליט"א ששמע זאת מפי רבנו זצ"ל שאמר כתיב אין שר בית הסהר רואה את כל מאומה בידו באשר ה' אתו, ואשר הוא עושה ה' מצליח, ואמר רבנו זצ"ל לכאורה יש לדקדק ולהבין מה הי' לשר בית הסהר לראות אצל יוסף שאמר שאין רואה מאומה, ומה הי' הצלחתו, אך אמר רבנו הק' שהענין כך הוא, ששר בית הסהר לא ראה כל מאומה ביד יוסף, לא ראה שום עבודה באשר ה' אתו, כי לא הבין דרכו, עבודה שלו, מחמת שיוסף הי' נחבה אל הכלים, אך זאת ראה, את אשר הוא עושה, אם הי' מתפלל, אז מצליח וישמע ה' תפלתו, ואצל רבנו במכוון כן הי', אין אדם ראה מאומה ולא השיגו אדם, רק חפץ ה' הצליח בידו ונושעו רבים בתפלתו.

נפשי

**נפשי בשאלתי** לדון לכף זכות אותי, כי לא לרכוש לי שם בעולם כוונתי, כי אם אולי אבנה ממנו גם אנכי, ועוד באתי אולי אזכה להתעורר לאמונת צדיקים מגמתי, כי מכל דבר יכול האדם לקחת לו מוסר השכל כדכתיב מכל מלמדי השכלתי, כאשר שמעתי מפי רבנו זצ"ל, כתיב בתורה שאמר משה רבנו ע"ה ליתרו והיית לנו לעינים, יש לחקור ולהתבונן בזה, משה רבנו שקבל תורה מסיני היה צריך שיתרו יהיה לו למורה דרך, ואמר רבנו זצ"ל, הענין כך הוא, מכל האדם יכול ללמוד ולקחת לו מוסר ודרך בעבודת ה', וזה רמז לנו משה רבנו, שמיתרו ילמדו בני ישראל מוסר ודרך העבודה, יתרו היה כהן מדין שר וגדול בין האומות, ועבד ע"ז, עכ"ז עזב ארצו ומולדתו ודבק בה' והלך במדבר בארץ ציה ושממה, כן צריך כל בר ישראל להשליך על ה' יהבו והוא יכלכלהו. וזאת אמר משה רבנו ע"ה, ואתה תהיה לנו לעינים, כלומר ממך יקחו מוסר השכל ודרך איך לעבוד ה'.

**להגיד לאדם** בפתחי שערים תכלית ותועלת מן ספורים מצדיקים, הלא הם כתובים בספרים הקדושים, אשר נשמתם בגנזי מרומים, אשר בזכותם אנו היים וקיימים, וכבר מילתא אמירה בהקדם ספרי מי באר ישעיה, הבט וראה שמה ותמצא מרגוע לנפשך.

**היכי תמצא** איזה טעות, או קבלתם איזה סיפור בסגנון אחר, אל תדברו עלי רעות, ותדוני לכף זכות, אולי הוא טעות הדפוס, או הבעל מספר שלכם הי' מקיים וכל המרבה לספר, או דרכו לקצר, לא כן עמדי על כל ספור וענין, חקרתי עד יסוד הבנין, אם כנים ואמתים ומבטן מי יצאו הדברים, וחקרתי עד מקורם, אם ראוי להעלות על שלחן מלכים.

**אלו דברים שיש להם שיעור** מדת הכים, כי הב הב אומר המדפיס, והף אנכי כי תם הכסף והונים, וספק אם יקפצו הקונים, והוי ממון המוטל בספק חולקין לחלקים, והוי גזירה שרוב הציבור יכולין לעמוד על מהקי והוי מלתא דשוי' לתרוהו.

**במטותא מנייכו** תרתי, (הד) הני דכתבי לי עובדות ולא הדפסתים פה, אי"ה כשאדפיס חלק ב' עוד שם אתן מקום לדבריכם, ועוד חזון למועד. (תרתי) ואם זכור אזכור בעל עובדא ולא כתבתי תואר לפי כבודו אל נא תשת עלי חטאת, ואל יאשם אותי כי לא עשיתי בזדון, וכבר אמר נעים זמירות, שגיאות מי יבין.

**ואני טרם** אסגור השער אביאה תודתי, וברכת יוסף יחול על ראש ידידי רעי אמיתי כאח דבק לי, ה"ה תורני המופלא ומופלג בתוי"ש, הרבני הנגיד זי"ר וכו' מוה"ר יהושע ז"ס שליט"א, יעלה ויצמח על במתי העושר והצלחה.

**ועתה הא לכם** החסידים אשר נפשכם קשורה בנפש רבכם בעודנו הי עמנו גם במותו לא נפרדה, באו נא ושמעו מנועם צוף דרכה, כי דרכי דרך החיים הוא, כדכתיב, עושר וכבוד וחיים, בדרך צדקה תמצא. „ויוספו" ללמוד מדרכי ישע־יה לעשות

כמפעליו

כמפעליו ולילך בדרכיו, בזכות זה שפתותיו דובבות בעולם העליון עבורנו, בפרט גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, וישפיע לנו שפע ברכה, חיים ועושר והצלחה, ונזכה **לחזון ישעיה**, קומי אורי כי בא אורך. וכבוד ה׳ עליך זרח.

א״ד המחכה לגאולה כלליות ופרטיות ברוב רחמיו וחסדיו במהרה דדן אמן.

עש״ק חנוכה, ב׳ דרש חודש טבת, שנת **ראות טובך בבא גואל** לפ״ק פה בקרעסטיר יצ״ו

**הק׳ יוסף מרדכי גינצלער**

בן לאמי מורתי א״ח מנב״ת הצנועה והחסידה והעדינה, אשה יראת ה׳, מרת אסתר שתחי׳.

# פאָרוואָרט

פאָריגעם יאַהר האָב איך דיא לעבענסגעשיכטע דעם רבנו הרב הצדיק ר׳ ישעיעלע קערעסטירער אונטער דען נאָמען **מי באר ישעיה** אין לשון הקודש־ער שפּראַכע הערויסגעגעבען.

דיא גראָסע אנטערעסע, מיט וועלכער מיין אָבערוועהנטעס ספר אין יודישען קרייזען ב״ה עמפפאַנגען ווארדע, האָט מיך דאַצו אַנגעאייפערט דיעזע בעשרייבונג אויך אין יודיש־דייטשער שפּראַכע הערויס צו געבען, דאַמיט דיא אינטערעססאַנטע לעבענסגעשיכטע דעם וועלטבערידהמטען צדיקס אויך פיר דיעיעניגען יודען בעקאַננט ווערדע, וועלכע דיא לשון הקודשע שפּראַכע ניכט מעכטיג זינד אונד זאָמיט איין יעדער יוד דיא געלעגענהייט האָט פאָן זיינע מוסטערהאַפטע וואָהלטאַטיגע יודישע אויפפיהרונג איין ביישפּיעל צו נעהמען, וויא אויך זיך אין זייגעם גלויבען אונד בעזאָנדערס אין אמונת חכמים וצדיקים צו בעפעסטיגען.

ווען דאָס מיר געלינגען ווירד בעזה״ש, האָב איך מיין ציעל ערריכט.

**דער פערפאַססער.**

# חזון ישעיה

רבנו מאור הגולה אשר בו יברך ישראל, קדוש וטהור יאמר לו
דער וועלט־בערידהמטער צדיק, עמוד גמלות חסדים החכם השלם מופת
הדור, מורנו ורבנו ישעיה זצלל"ה זי"ע ועכי"א, דער אללגעמיין

## ר׳ ישעיעלע קערעסטירער
גענאנט ווירד.

עס וואהנטע אין דארף זבארעוו (ניכט וויט פון בארטפעלד) איין יוד, ער האט געהייסען ר׳ משה שטיינער ז"ל, ער וואר איין פראממער מאן, איין גראסער ירא שמים, זיין וייב מרת הענטשע מרים ע"ה, וואר אויך זעהר פראמם, איינע גראסע צדקת.

אים יאהרע תרי"א האט זיא געאטט ב"ה מיט איין זאהן געבענשט דער שפעטער דער גראסער צדיק געווארדען איזט. אלס דאס קינד 3 יאהרע אלט וואר, איזט זיין פאטער נפטר געווארן, זיינע מוטטער האט זיך בעמיהט דאס קינד פיר איין פראממען יוד אונד איין תלמיד חכם צו ערציהען, אונד אלס ער 13 יאהר אלט וואר, האט זיא איהם אויף איהרע אקסעל נאך ליסקא געבראכט, צו דען וועלטבערימטען צדיק מרן רבנו צבי ליסקער זי"ע, דענן זיא ווארען צום ליסקער צדיק עטוואס פערוואנדטע.

דער ליסקער צדיק האט דאס יונגל נאך סעמיהאל צום סעמיהאלער רב געשיקט לערנען.

ר׳ מרדכי שווארץ פאן סעמיהאל ערצעהלט, דאס ער פאן זעהר פיעלע אלטע לייטע אין סעמיהאל ערצעהלען געהארט האט דאס אין דער צייט דאס דער רבי נאך אלס יונגער בחור אין סעמיהאל געלערנט

האט

האט וואן עס דארט יעמאנד קראנק געווארן איזט, זא איזט מאן גלייך צו רבנו געקאממען, ער זאלל פיר דען קראנקען תהלים זאגען אונד עס זינד ריכטיג פיעלע געהאלפען געווארן.

דאנן ערצעהלט ער נאך, דאס אם מארקטאגע האבען דיא סוחרים איהם געבעטען ער זאלל בייא איהנען שטעהן, דען זיא האבען בעמערקט דאס ווען ער ביי יעמאנדען געשטאנדען איזט, האט דער הצלחה געהאט.

פאן סעמיהאל איזט ער צוריק נאך ליסקא אונד האט געלערנט אין ליסקא אין דער ישיבה. וויא דער ליסקער צדיק געזעהן האט דאס ער איין גראסער ירא שמים איזט, וויא אויך ווארשיינליך דאס ער איינע הייליגע נשמה האט, זא האט איהם דער ליסקער צדיק צו זיך אין הויז גענאמען וויא איין אייגענעם קינד. (דען דער ליסקער צדיק האט קיינע זאהנע געהאבט.)

וויא זיינע מוטטער אין זבארעוו געהארט האט, דאסס איהר זאהן האט אופגעהערט אין דיא ישיבה צו לערנען, זא איזט זיא שנעלל צום ליסקער צדיק געקאמען אונד זאגט צו איהם מיט איין ביטטער יעממערליך געוויין, ניכט צו דעם האב איך מיין ישעי' הער געבראכט נור צום לערנען.

גראדע דאמאלס ווארען דיא הייליגע טאגע, חודש אלול. עס וואר ביים ליסקער צדיק איינגעפירט, דאס ער האט אין אלול פאן וויבער קיינע קוויטלעך גענאממען אונד האט מיט וויבער איבערהויפט ניכט גערעט.

ווענן ר' ישעיעלעס מוטטער איזט צום ליסקער צדיק הערריין געקאממען, האט זיך דער ליסקער צדיק פאן זיין זעסל אויפגעשטעלט אונד זאגט: הא עס קאציל קאמט, ישעיעס מאמע איז דא. (צו בעמערקען דאס אין דיעזער צייט פלעגט מאן איין אדם חשוב, איינען געאכטעטען מענש זא צו בעגריססען) פאן דיעזע בעגריעסונג איזט צו פערשטעהן דאס דער ליסקער צדיק זיא אלס איינע זעהר געאכטעטע פרוי געהאלטען האט. דאן אנטווארטעטע איהר דער ליסקער צדיק, זיא זאלל זיך פור ישעיה'ן גארניכט זארגען דען ער אויף איהם גרוים השגחה האט.

פאן וואן אן רבנו צום ליסקער צדיק געקאמען איזט, האט ער

זיך

זיך אַן זיין רֶבִּין בֶּעהֶעפְטֶעט אונד הַאט אִיהם מֶעהר אויף קֵיין אוּנגֶעבִּלִיק אִיבֶּער גֶעלַאסֶען.

שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר צוּ טֵיילֶען דִיא בִּילְקֶעס (בַּארְכֶעסְלֶעך). זֶעהר פִילֶע לֵייטֶע עֶרְצֶעהלֶען דַאס דֶער לִיסְקֶער צַדִיק גֶעזָאגְט הַאט: ווֶאן מֵיין יַשְׁעֶ' טֵיילט דִיא בִּילְקֶעס, קוּמְט אִין זֵייא דִיא בְּרָכָה אַרֵיין.

הה"ג ר' פִישֶׁל מֵאוּהֶעל עֶרְצֶעהלְט מִיר דַאס עֶר פאַן זְקֵנוֹ הה"צ הַמְפוּרְסָם אבדק"ק נאַנאַשׁ נַאכְזָאגֶען גֶעהֶערְט הַאט, דַאס עֶר גֶעזָאגְט הַאט, דַאס וֶוען ר' יַשְׁעֶיעֶלֶע אִין לִיסְקֶע דִיא בִּילְקֶעס גֶעטֵיילְט הַאט הַאבּ אִיךְ שׁוֹין עֶרְקֶענְט דַאס עֶר ווִירד דֶער רַבִּי זֵיין.

עֶר וַואר דֶער צְדָקָה טֵיילֶער בֵּיים לִיסְקֶער צַדִיק. וֶוען יֶעמַאנְד הַאט אֵיינֶע גְרָאסֶע בַּקָשָׁה גֶעהַאבְּט, זָא אִיזְט עֶר – בֶּעפָאר עֶר אִיזְט נָאךְ צוּם לִיסְקֶער רֶבִּין הֶערֵיין גֶעקָאמֶען – צוּ רַבֵּנוּ גֶעגַאנְגֶען עֶר זָאל מַמְלִיץ זֵיין בֵּיים לִיסְקֶער רֶבִּין פִיר אִיהם.

פאַן זֵיין אֵייגֶענֶעם גֶעלְד פְלֶעגְט עֶר פִיעל צְדָקָה צוּ טֵיילֶען, הַאט גֶעצַאהלְט שְׂכַר מְלַמְדוּת פִיר פִילֶע אַרְמֶע קִינְדֶער אוּנְד הַאט אִיהרֶע ווֶעשֶׁע גֶעלַאסְט וַואשֶׁען אוּנְד פְלֶעגְט זֶעלְבֶּער אַרְמֶע קִינְדֶער זוֹיבֶּער צוּ הַאלְטֶען. פִילֶע פָּאר תְּפִלִּין אוּנְד שִׁיךְ ווִיא אוֹיךְ קְלֵיידוּנְג הַאט עֶר אִיהנֶען גֶעקוֹיפְט.

אֵיינְמַאל קָאמְט צוּם לִיסְקֶער צַדִיק אֵיינֶע פְרוֹי, אֵיינֶע אַרְמֶע ווִיטְוֶועע אוּנְד שְׁטֶעהט אִין פָארְצִימֶער אוּנְד ווֵיינְט. פְרַאגְט זִיא דֶער רֶבִּי וַוארוּם זִיא ווֵיינְט. אַנְטְוָוארְטֶעט זִיא, דַאס זִיא אֵיינֶע טָאכְטֶער אֵיינֶע כַּלָה הַאט אוּנְד דִיא הָאכְצֵייט אִיזְט מִיט 3 ווָאכֶען שְׁפֶּעטֶער בֶּעשְׁטִימְט אוּנְד זִיא הָאט נָאךְ נִיכְט דֶען מִיטְגִיפְט (נְדָן), אוּנְד וֶוען ח"ו זִיא צוּר צֵייט דַאס גֶעלְד נִיכְט הַאבֶּען ווִירְד, זָא לַאסְט דֶער חָתָן דֶען שִׁידֶעךְ צוּרִיק. פְרַאגְט זִיא דֶער רֶבִּי, ווִיפִיעל פֶעהלְט דִיר צוּם נְדָן, זָאגְט זִיא 300 גוּלְדֶען. גְלֵייךְ הַאט דֶער רֶבִּי אִיהר גֶעגֶעבֶּען דִיא 300 גוּלְדֶען אוּנְד זִיא אִיזְט מִיט גְרָאסֶע פְרֵיידֶע צוּ הוֹיזֶע גֶעפָאהרֶען. ווִיא דִיא אַלְמָנָה וֶועק אִיזְט, אָפֶענְט דֶער

לִיסְקֶער

לִיסְקֶער רֶבִּי דִיא טִיר אוּנד זַאגְט צוּ ר' יְשַׁעְיֶעלֶע: יְשַׁעְיָה הַאפְּסְט מִיר שׁוֹין אוֹיס מַאנְגֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

דֶער רֶבִּי עֶרְצֶעהלְט דַאס אֵיינְמַאל בַּייא מְלַוֶה מַלְכָּה וַואן עֶר נָאךְ בַּיים לִיסְקֶער רֶבִּין וַואר, הָאט עֶר פַאר אֵיינֶעם פִּיעל גֶעלְד צוּ אֵיין גֶעשֶׁעפְט גֶעבָּארְגְט אָבֶּער לֵיידֶער דַאס גֶעשֶׁעפְט אִיזט דֶעם יֶענִיגֶען נִיכְט גֶעלוּנְגֶען אוּנְד הָאט דַאס גֶעלְד בִּיסְלֶעכְוַויים אוֹיפְגֶעגֶעסֶען. זָא הָאט זִיךְ דֶער יֶענִיגֶער גֶעשֶׁעמְט צוּ קָאמֶען אוֹיף לִיסְקֶע, צוּם לִיסְקֶער רֶבִּין. עֶס אִיזט פָארְאִיבֶּער אֵיינֶע לַאנְגֶע צֵייט, הָאט זִיךְ דֶער יֶענִיגֶער אִיבֶּערְלֶעגְט, וַואס אִימֶער עֶס וִוירְד זַיין, עֶר מוּסְס פָארֶען צוּם לִיסְקֶער צַדִּיק. וִויא עֶר צוּם לִיסְקֶער רֶבִּין הֶערַיין גֶעקָאמֶען אִיזט, פְרַאגְט אִיהם דֶער לִיסְקֶער רֶבִּי, וָוארוּם עֶר זָא אֵיינֶע לַאנְגֶע צֵייט נִיכְט גֶעקָאמֶען אִיזט? אַנְטְוָוארְטֶעט דֶערְיֶענִיגֶער, אִיךְ וֶוערְדֶע דִיא וַואהרְהֵייט זָאגֶען, אִיךְ בִּין שׁוּלְדִיג פִּיר דֶען רֶבִּין ר' יְשַׁעְיֶ' פִּיעל גֶעלְד, הָאבּ אִיךְ מִיךְ פָאר אִיהם זֶעהר גֶעשֶׁעמְט, נוּר יֶעצְט הָאבֶּע מִיךְ בֶּעזָאנְגֶען וַואס אִימֶער עֶס וִוירְד זַיין, אִיךְ מוּסְס שָׁאן פָארֶען. הָאט דֶער לִיסְקֶער צַדִּיק מִיךְ הֶערַיין גֶערוּפֶען — זָא עֶרְצֶלְט דֶער רֶבִּי — אוּנְד זַאגְט צוּ מִיר, וַואס אִיךְ ווִילְל. וֶוען אִיךְ וִוילְל, זָא בֶּעצַאהלְט עֶר מִיר דֶען שׁוּלְד פָאן דֶעניֶעניגֶען, "וֶוענְן דוּ ווִילְסְט וִוירְד דִיר הַשֵּׁי"ת בֶּעצַאלֶען." הָאט אִיהם דֶער רֶבִּי גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט, הַשֵּׁי"ת הָאט גֶענוּג, זָאלְל עֶר מִיר בֶּעצַאלֶען.

הָרַבָּנִי הֶחָסִיד מו"ה ר' אַבְרָהָם שָׁלוֹם מִמ'שֶׁעקֶע עֶרְצֶעהלְט מִיר דַאס עֶר דַאס נָאךְ פָאן זַיין אֶנְקֶעל הָרַב ר' מֹשֶׁה מִזֶעמְנֶע גֶעהֶערְט הָאט, דַאס אֵיינְמַאל הָאט דֶער רֶבִּי אֵיינֶעם זֶעהר פִּיעל גֶעלְד גֶעבָּארְגְט אוּנְד דֶערְיֶענִיגֶער הָאט זִיךְ אֵיינֶע לַאנְגֶע צֵייט נִיכְט אֵיינְמַאל וִויסֶען גֶעמַאכְט. דֶער לִיסְקֶער רֶבִּי אִיזט פָאן דֶער זַאךְ גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, זָא הָאט עֶר גֶענָאמֶען צְוֵויי פָארְנֶעהמֶע לֵייט, אֵיינֶער וַואר דֶער אָבִיגֶער ר' מֹשֶׁה מִזֶעמְנֶע אוּנְד דֶער אַנְדֶערֶע וַואר ר' אַבְרָהָמֶעלֶע גַּבַּאי, זִיא זָאלֶען מִיט דֶעם רֶבִּין מִיטְפָאהרֶען צוּ דֶעניֶעניגֶען — אִין זַיין בֶּעפֶעהל — דַאס עֶר זָאל פִּיר רַבֵּנוּ דֶען חוֹב בֶּעצַאהלֶען. זִיא זִינְד רִיכְטִיג הִין גֶעפָאהרֶען, זִיא

קאממע'

קאממען העריין, זעצען זיך אונד ערצעהלען דאס דער ליסקער רב זיא געשיקט האט נאך דען רבינס חוב. דער בעל הבית געהט אינצווישען הינוים אונד דער רבי געהט איהם נאך אונד פערזיימען זיך דרויסען. זאגט ר׳ משה צו ר׳ אברמעלע, גלויב מיר דאס רבינו ר׳ ישעי׳ איז עם געגאנגען געבען געלד, ער זאלל האבען צו בעצאהלען, געהט גלייך הרב ר׳ משה זיא זוכען אונד טרעפט ריכטיג וויא דער רבי ר׳ ישעי׳ צעהלט דען יעניגען אין דער האנד העריין געלד אונד מיט דען געלד האט ער דאן דען חוב בעצאלט. — פאן דיעזען זעהען וויר דאס צדקות של רבינו ז״ל.

דער חסיד ר׳ משה חיים פאן באַרדיאָוו האט מיר ערצעהלט דאס עס איזט בעקאנט, דאס דער רבי אין ליסקע רדיפות געהאבט האט, ער ווארדע דארט פערפאלגט, איינמאל קאמט צום ליסקער רבין העריין זיין רעבעצין אונד זאגט, איך פערשטעהע מיך ניכט אויף דיר, ישעי׳ איז דיין וויב, ישעי׳ איז דיינע קינדער, אַלעס איז נור ישעי׳, אנטוואָרטעט איהר דער ליסקער צדיק אונד שויקעלט מיט זיין קאפף: יא, יא, יא.

מיין שוויעגערפאטער, הרב החסיד מו״ה ר׳ געצל גרינפעלד אויס טרעבישעוו ערצעהלט מיר, דאס ער דאס פאן הנגיד ר׳ יוסף ברייער געהערט האט: ער וואר איינמאל ביים ליסקער אויף שבת, ערב שבת נאכמיטאג קאמט העריין איינער פאן ליסקער רבינס איידעמער אונד פערלאנגט [1] גולדען פיר איינע ארמע פרויא, ער האט אבער עם ניכט געגעבען, ביים וועג־געהן זאגט יענער, ווען ישעי׳ העט געבעטען, העט דער שווער שוין געגעבען, זאגט דער ליסקער צו די חסידים דיא אים צימער וואַרען: אז ישעי׳ בעט פאן מיר, ווייס איך זיכער דאס ער האט ניש, אבער ער האט דאך יא, זאלל ער אויך מקיים זיין מצות צדקה.

חסידי ליסקע ערצעהלען, דאס מאן האט געפראגט דען ליסקער רבין ווארום ער מאכט שוין ר׳ ישעין נישט חתונה (דען ר׳ ישעיעלע וואר שאן דאמאלס איין בעיאהרטער בחור) האט דער ליסקער רבי געזאגט: פאר מיין ישעי׳ האב איך קיין מורא.

הרב ר' טובי' מאיר ז"ל דער שוואגער דעם רבנו ז"ל האט מיר ערצעהלט, דאס אין דער צייט ווען רבנו איין חתן וואר, האט ער זיך מיט איהם געטראפפען אונד זיא זיינד בייזאממען געפאהרען. דיא האכצייט האט זיך געצעגערט אונד ער האט זיך וועגען דיא פערצעגערונג מיט פערשידענע תרוצים פאר דעם רבין פערענפערט. אויף דען אנטווארטעטע איהם דער רבי, גלויבע מיר, ווען עס העטטע נישט אין דער תורה געשטאנען דאס מאן ברויך חתונה צו האבען אזויא העט איך נישט חתונה געהאט.

בעפאר דער ליסקער צדיק געשטארבען איזט, אלס ער שאן שוואך וואר, האט ער געזאגט, דאס וועגען 2 זאכען העטטע איך גערנע געלעבט, דיא שול־בויא צו בעענדיגען אונד מאן ישעי' חתונה צו מאכען, אים קורצען פאר דער פטירה דעם ליסקער צדיק – אלס ער שאן זעהר שוואך וואר – איזט דיא רעבעצען אין ר' ישעיעלע ביים בעט געשטאנען אונד האבען ביטטער געוויינט וואס עס ווירד מיט זיא זיין, זאגט דער ליסקער צדיק צום רבין, פאר דיר ישעי' זארג איך גארנישט, מען קען דיך אין דער גאנצע וועלט, וועסט ברויכען חתונה צו האבען, זאלסט דו פארען קיין סאקמערער געגענד. אונד עס איזט ריכטיג זא געשעהן. בעפאר ער האט חתונה געהאט איזט ער געפארען אין דיא געגענד פאן סאקמער, אונד האט זיך דארט בעגעגענט מיט הרב הצדיק ר' מרדכעלע מנאדווערנע זי"ע אונד ר' מרדכי האט גלייך איהם ערקענט דאס ער איינע זעלטענע גראססע נשמה האט אונד הרב ר' מרדכעלע האט זיין צדקות אונד זיין נאמען אלס צדיק ורבי איבעראלל פערברייטעט.

נאך דער פטירה דעם הרב הצדיק מליסקע זי"ע, גלייך נאך זיין אבשטערבען איזט דער רבי ר' ישעיעלע געפארען צום היילגען סאנזער רבי זצ"ל, דאס האט מאן פאן איהם זעלבסט פיעלמאל געהערט ערצעהלען, דאס נאך מעריב דאוועגען זיינד געשטאנען פיעלע רבנים וצדיקים אונד האבען געווארטעט דאס דער סאנזער רב זאלל זיא רופען נכםמאל

עססען

עססען (דאס הייסט אין פוילען וועטשערע) דען דער סאנזער רב פלעגט יעדען חשובען חסיד צו רופען צום וועטשערע. ווי זיי זא געווארטעט האבען, קאמט אן דער סאנזער רב אונד זאגט ישעי' קום צום וועטשערע. ער איזט ריכטיג געגאנגען אונד מאן האט געבראכט 2 שיסעל הירז, איינס פיר דען סאנזער רב זי"ע, אונד איינס פיר רבנו זצ"ל. דיא הירזע וואר זעהר היים אונד אונמאגליך צו עססען אבער דער סאנזער רב האט דאך גלייך אנגעפאנגען צו עססען, היינגעגען רבנו נור אביסכען שפעטער. עס איזט אויסגעקאממען דאס דער סאנזער רב האט שאן געהאט אויפ־געגעססען אונד רבנו האט נאך געהאט אין זיין שיסל. ציעהט דער הייליגער סאנזער רב דאס שיסעלע פאן רבנו צו זיך אונד זאגט "לאמער עססען ביינאמען." פאן דיא שירייעם האט ער דאנן געבראכט פיר דיא רבנים דיא אין דרויסען געשטאנען זינד, דען דיא רבנים האבען געבעטען פאן רבנו ער זאלל איהנען אם וועניגסטען שרייעם ברענגען.

איינמאל שפאטער איזט רבנו וויעדער געקאממען נאך סאנז. ווי ער צום סאנזער רב היריין געקאממען איזט, פראגט איהם דער סאנזער רב, אויב ער געלד האט, זאגט ער יא, זאגט צוא איהם דער סאנזער רב נו גיב אהער, האט ער איהם געגעבען, פראגט איהם דער סאנזער רב וויעדער, האסט דו נאך געב אהער, האט ער נאך געגעבען. דער הייליגער סאנזער רב פראגט איהם איינינע מאל אונד דער רבי האט אימער געגעבען, ביז ער האט זיין גאנצעס געלד היינגעגעבען. פרייטאג אבענד אלס דער סאנזער רב זיינע קינדער אונד ענקערל געבענטשט האט, איזט דער רבי אויך היין געגאנגען אונד ער האט איהם אויך געבענטשט: ווארט פאן איין רבין איין ענקערל, האט ער אויך געבעטען דען סאנזער רבי ער זאלל איהם אויך בענטשען, אבער ער האט ניכט וואללען. זאגט דער ענקערל, ווארום האט דער ר' געבענטשט ר' ישעיעלען, אנט־ווארטעט דער סאנזער רב זצ"ל, ר' ישעיעלע האט מיר היינט געגעבען 600 ראניש, אין איך האב מיט דען מחיה געוועזען אהנע שיעור

ארעמע

ארעמע לייט, אין עס איז איהם נישט געבליעבען ניכטעמל איין פרוטה.

איך האבע געהארט פאן הנגיד ר' זאב וואלף מזעביזע נ"י דאס ער דאס פון רבין געהארט האט: דאס נאך דען אבשטערבען פאן ליסקער צדיק איז איהם דער ליסקער רב צו חלום געקאממען אונד זאגט איהם ער זאלל זיינעם שוויעגערזאהן זאגען, דאס אין ב' פעסט האט איין "דייטש" געשפענדעט האלץ אונד אויך איין שלחן צו דער ליסקער שול, דאהער זאלל מאן פאהרען נאך בודאפעסט, דיא שפענדע איינצוקאססירען אונד ברינגען. דער רבי זצ"ל איזט אויפגעשטאנען מארגענס אונד דענקט גוט זיין חלום, זא געדט ער צום ליסקער רבים שוויגערזאהן אונד ערצעהלט איהם זיין חלום. האט ער זיך צערלאכט אונד זאגט, געה פאהר נאך פעסט אונד זוך דארט איין דאטש וועלכער געשפענדעט האט צום בית הכנסת. דאס איזטווירקליך צום לאכען. אבער דער רבי האט גראסע אמונה אונד בטחון געהאט אן זיין רבין, ער דאכטע, ווען זיין רבי האט געהייסען פארען, ווירד השי"ת איהם שאן אויף זא איין וועג פיהרען דאסס ער זאלל דעניעניגען טרעפן. דער רבי איזט ריכטיג געפאהרען נאך ב' פעסט. וויא ער שטייגט אב פאן דער באהן אונד פאנגט אן אין דיא שטאדט הערייז צו געהען, קאממט איהם איין מאנן ענטגעגען, געהט גראדע צו צום רבין אונד פראגט איהם אויב ער איזט ר' ישעיעלע פאן ליסקע, זאגט ער יא. זאגט דער "דאטש" נו קאממען זיא מיט מיר אונד ערצעהלט איהם פאלגענדעס: דיא פאריגע נאכט וואר ביא מיר אין חלום דער ליסקער צדיק אונד זאגט מיר דאס זיא קאממען צו מיר נאך דען געשפענדעטען האלץ אונד שלחן. דער ליסקער רבי האט מיר זיא אויסגעמאלען וויא זיא אויסזעהען אונד איך האב זיא גלייך ערקענט. דאן האט דער דאטש אללע זאכען וואס ער געשפענדעט, פיר דען רבין איבערגעגעבען וויא אויך אללע שפעזען בעצאהלט.

## עת דודים

דער רבי ר' ישעיעלע האט דיא טאכטער דעם גראסען חסיד ובעל מכנס אורח ר' יצחק יונה געהייראטעט נאמענטליך הבתולה שרה (ע"ה.)

פאר

פאַר זיינע האָכצייט איז ער נאָך סאַטמאַר געפאָהרען, וואָר דאָרט דער צדיק ר' מרדכי מנאַדווערנע. שבת ביים ליינען האָט ער דעם רבין אויפגערופען עולה לתורה צו זיין אונד זאָגט צו איהם, דיא האָסט נישט וועגען זאָלל ריך בעוואָרפען, וועל איך דיך בעוואַרפען מיט חסדים.

נאָך זיין חתונה האָט ער זיך אין ליסקע בעזעצט, ער האָט אָבער דאָרט גראָסע פערפאָלגונגען געהאַט, זאָ איז ער צום סאַנזער רבין זצ"ל געפאָהרען איינע עצה פראַגען. האָט איהם דער סאַנזער רבי זצ"ל געזאָגט, "בלוט זאָלל גיססען אין אין ליסקע זאָלסט דיא בלייבען". עס וואַר איהם אָבער אונמאָגליך אוים צו האַלטען דיא גראָסע רדיפות, זאָ איז ער צום הה"ק בעל ייטב לב געפאָהרען שואל עצה זיין, זאָגט איהם דער ייטב לב, ער זאָלל וועק פאָן ליסקע. זאָגט ער צום ייטב לב דאָס דער סאַנזער רבי האָט איהם נישט געהייסען וועג. זאָגט ער, דער סאַנזער רב איזט איין איש מלחמה, איהר קענגט דאָס אָבער נישט, איז בעסער איהר זאָללט אייך אַוועק ציהען, איהר וועט האָבען פרנסה אפילו אויף דעם שפיטץ בארג אויך.

דער הייליגער רבי ר' מרדכי מנאַדווערנע האָט איהם געהייסען ער זאָלל זיך בעזעצען אין קערעסטיר. ער האָט ריכטיג זאָ געטאָן אונד האָט זיך אין קערעסטיר בעזעצט.

גלייך ווייא ער זיך אין קערעסטיר בעזעצט האָט, האָט ער אנגעפאַנגען גראָס צו ווערדען, טאַג טאָגליך זינד מעהר אונד מעהר לייטע געקאָממען צו איהם נאָך עצות, ישועות, רפואות אונד סגולות. ער האָט איין שאָן בריים הויז געפיהרט ער האָט פיר אַרמע לייטע געגעבען צו עססען אונד צו טרינקען, ער האָט פיר אַרמע לייטע געלד געטיילט, איבערהויפט פיר בעהאַלטענע אַרמע לייטע, וועלכע האָבען זיך נאָך בעל בתיש געפיהרט, זיא וואַרען אָבער פעראַרמט, ער האָט אויך פיר אונבעהאַליגע יתומים החתונה געמאַכט אונד פיר אַרמע חתנים טליתים אונד שטריימלעך געקויפט.

דיא

די רעבעצן וואר אויך איינע זעהר חשובה אונד וואהלטאטיגע פרוי. זיא וואר דעם רבין ביא זיינער וואהלטאטיגען ארבייט אימער בייהילפיג. פאן פריהסטען מארגען ביז שפעט אין דער נאכט איזט זיא אימער אין דער קיבע געשטאנדען אונד געארבייטעט. פארטווערענד געארבייטעט, טראצדעם דאס זיא וואר איינע שוואכע פערסאן. זיא פלעגט צו ערצעהלען, דאס אין איהרער יוגענד פלעגט זיא זעלבסט אויף איהרע אקסעל ליים צו ברינגען די ערדע אויף צו קלעבען. אונצעהליגעמאל איזט זיא אין דער קיכע געשטאנדען מיט נאססען אומשלאג אויף איהר קאפף אונד מען האט זיא אומזאנסט געבעטען, זיא זאלל זיך איין ביסכען נידערלעגען, ביז זיא אללע ארבייטען ניכט פערריכטעט האט, האט זיא ניכט וואללען.

עס וואר אין איהרע לעצטע וואכען, דאס דער רבי האט פיר איין ארמעס מעדל חתונה געמאכט. מאן האט זעהר פיעל פארבערייט וויא ביא איין גראססען נגיד. געגען 12 אוהר אבענד געהע איך פארביא פאר דער קיבע, זעהע איך וויא די רעבעצן שטעהט מיט איין טעפל מילך אונד עסט. בין איך זעהר ערשטוינט אונד פראגע זיא ווארום זיא פאן דער האכצייט נישט געגעססען האט, עס איזט דאך איין מצוה, זאגט זיא איך האבע דא באזרגעם פין דער חתונה בין איך מיט דען יוצא. פראגע איך זיא ווארום זיא האט ניכט וועניגסטענס זופפע אונד אשטיקל פלייש געגעססען, זאגט זיא, איך וועל דיר דען אמת זאגען, עס זינד געקאממען פרישע אורחים אונד זיא איזט מיר ניכט אויסגעקאממען. זיא וואר שאן צו דיעזער צייט שוואך אונד איזט פאן קראנקען בעט אויפגעשטאנדען די חתונה פארצובערייטען אונד האט ערסט דאפאן ניכט געגעססען.

וואהרענד דען וועלטקריעג האט זיא ניכט לאססען די צימערן ווייסענען, זיא האט געזאגט, ווען אויף דער וועלט זאלכע צרות ליגען וויא קאן מאן נאך תענוגים נאכגעהן.

רבינו פלעגט צו זאגען, "ווען נישט זיא, (די רעבעצן) העט איך ראטשילדס פערמאגען וועניג געהאט." טראצדעם עס פיעל געלד אין

הויז געקאממען איזט, דאך וואר איהר הויזפירונג זעהר שפארזאם.

ר' משה חיים מבארטפעלד האט מיר ערצעהלט, דאס וואן הה"ק ר' מרדכעלע וואר היר, זינד דיא קינדער פאן ליסקער רבין צו איהם געקאממען בעקלאגען דאס דורך דען וואס ער ר' ישעיעלען פיר איין רבין מאכט, דורך דען האבען זיא קיין פרנסה, אנטווארטעט איהנען הה"ק ר' מרדכעלע (אונד צייגט דורך דאס פענסטער הינויס ווא פיעלע בונד שטראה געשטאנדען זינד) נו זאגט איהר, לאז מרדכע זאגען אז דער בונד שטראה איז א רבי, וואס וועט דיא וועלט צו דען זאגען? מרדכי זאגט נור אזויפיעל, אז דארט שטייט אפעסיל מיט רענדלעך בעדעקט מיט שמאטעס, אז מען וועט דיא שמאטעס ארויס נעמען, וועט מען זעהן אז עס איז דא ריין רענדלעך, אבער איך מאך עס נישט פאר א רבין, ער איז שוין ארבי עך בעט ענק נור, אז עין זאלץ עס לאסמען בעזעצען אין ליסקע, וויורד ענק זיין אטובה אויף דורי דורות.

החסיד ר' אברהמעלע בירנבוים פאן פאטיק וואר איינמאל בייא הה"ק ר' מרדכעלע מיט איין בקשה, דאס מען וויל איהם דען רענאל אויסדינגען, פראגט איהם ר' מרדכעלע פאן ווא ער איזט, זאגט ער פאן פאטיק, פראגט דער רבי וויא איז דאס פאטיק, זאגט ער נישט וויית פאן איהעל, פראגט דער רבי וויא איז דאס איהעל, האט ער נישט געוויסט צו אנטווארטען, דען קיין בעססערן צייכען האט ער ניכט געוויסט צו זאגען, זאגט הה"ק, וואס ליגט אויף דיא אנדערע זייט, זאגט ער ליסקע, זאגט הה"ק וויא איז דאס ליסקע, זאגט ער נעבען קערעסטיר, זאגט הה"ק וויפיעל מאל איז פאטיק פין קערעסטיר, זאגט ר' אברהמעלע געגען 6 מאל, זאגט עס הה"ק, ער זאלל פארין צו הה"צ ר' ישעלע נאך קערעסטיר, דען 12 מאל ארום קערעסטיר געהערן אללע געלדער צו ר' ישעי'. — ער האט געפאלגט אונד איזט גלייך געפארען נאך קערעסטיר אונד איזט ריכטיג געהאלפען געווארען.

הרבני ר' יעקב מזאמעץ ערצעהלט, דאס ער האט געהערט פאן הה"ג ר' משה ווייס פאן קליינווארדיין ערצעהלען: ער וואר אין

הארשפאלו, אין באד מיט הה"צ ר' הערצקעלע פאן ראצפערט בייזאמען. דארט וואר איך א נגיד וועלכער האט איינמאל דען ראצפערטער צדיק צום פרישטיג איינגעלאדעט אונד ר' הערצקעלע איזט ריכטיג גע־גאנגען, ר' משה נייס האט זיין פרישטיג שנעלל בעענדיגט אונד איזט גלייך צו הה"צ ר' הערצקעלע געגאנגען, וויא ער איזט אין דער נעהע געקאממען, האט ער דורך דאס אפענע פענסטער געזעהן וויא ר' הערצקעלע עסט, האט ער ניכט וואללען הערייַן געהן, ער זאלל איהם ניכט שטערן (דען עס וואר איינע זעלטענע זאכע דאס ר' הערצקעלע זאלל עססען.) זא איזט ער ביים פענסטער שטעהן געבליעבען. הארט ער וויא דער נגיד בעקלאגט זיך פיר הה"צ ר' הערצקעלע, דאס ער האט צוהויזע איין ווירטס־הויז אונד עס וואהנט דארט איין ערל, וועלכער איהם גראסע צרות טוט. אבער ר' הערצקעלע אנטווארטעט איהם גארניכט. וויא דער נגיד האט געזעהן, דאס דער רבי אנטווארטעט ניכט, זאגט ער: „איך פערשטעהע ניכט דיא היוטיגע רבי־ם, אמאל אז עס איז געוועזן איין המן, איז געגען איהם געוועזן איין מרדכי, אין היטע זעהט מאן נור בלאס המן־ם אונד קיינע מרדכים." אויף דען איזט הה"צ ר' הערצקעלע אויף געשפרונגען פאן זעסל אונד זאגט, וואס זאגט איהר? אז עס איז נישט דא קיין מרדכים? איך אליין קענן איינעם, ער הייסט ר' ישעיעלע קערעסטירער, ער קען טעגליך הונדערט המנס אומברינגען, זאגט איהר אז עס איז נישט דא, דאנן האט ער גלייך געבענשט.

אים יאהרע תרע"ג וואר דער צדיק פאן שינעווע אין מיהאלעוויץ אויף שבת. זאנטאג בייא דער סעודה — וויא איך דענקע, וואר דאס סעודת ראש חדש — איזט דאס געשפרעך הערום געקאממען אויף רבנו ר' ישעיעלע. האט זיך איינער אויף געשטעללט אונד זאגט, איך ווערדע ערצעהלען וואס בייא אונס אין דארף איזט געשעהן, איין ארמער מאנן, איין איינפאכער אונגעלערנטער מענטש וואר בייא ר' ישעיעלע מיט איין בקשה, דאס ער קיין פרנסה האט. זאגט ר' ישעיעלע ווארום ער

האַנדלט נִיכט מִיט בְּהֵמוֹת? (דֶענן עֶר וואַר אַיין בְּהֵמָה סוֹחֵר) אַנטוואָרטֶעט עֶר, דאס עֶר האַט נִיכט מִיט וואס צוּ האַנדלֶען, דֶענן עֶר האַט קֵיין גֶעלד. זאָ האַט אִיהם דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבֶּען 25 גוּלדֶען אוּנד זאגט אִיהם פאַהרֶע נאָך וואָרְנֶעוו, מאָרגֶען אִיזט דאָרט מאַרקט. עֶר האַט רִיכטִיג זאָ גֶעטאַן, עֶר קאָממט אוֹיף דֶען מאַרקט, דרֶעהט זִיך הִין אוּנד הֶער עֶר קאָננטֶע אַבֶּער גאַרנִיכטס קוֹיפֶען, דֶען 25 גוּלדֶען וואַרֶען וֶוענִיג דאַצוּ. וויא עֶר דרֶעהט זִיך הֶערוּם, קאָממט צוּ אִיהם אַיין בּוֹיעֶר פאָן זַיין דאָרף — דֶער עֶרֶל וואַר דֶער שוֹפֵט (רִיכטֶער) אִים דאָרף — אוּנד פראַגט אִיהם, וואַרוּם עֶר קוֹיפט נִיכט עֶטוואַס. זאגט עֶר, ווייל עֶר וֶוענִיג גֶעלד האַט. זאגט אִיהם דֶער עֶרֶל וֶוענן דוּ ווילְלסט, וויל אִיך דִיר לַייהֶען. זאגט דֶער יוּד, זאָ בּאָרגֶע מִיר 50 גוּלדֶען. גלַייך האַט דֶער עֶרֶל פאָן זַיין האַלס דֶען בּייטל אֶרוֹיס גֶע־נאָמֶען אוּנד האַט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אוּנד עֶר האַט רִיכטִיג בּאַלד גֶעקוֹיפט אוּנד פֶערקוֹיפט אוּנד האַט שֶׁאֹהן פֶערדִיענט. צוּ מאָרגֶענס צוּ הוֹיזֶע קאָממט אִיהם עֶנטגֶעגֶען דֶער בּוֹיעֶר דֶער אִיהם דִיא 50 גוּלדֶען גֶעבּאָרגט האַט. וויא דֶער יוּד האַט אִיהם עֶרבּלִיקקט, האַט עֶר גלַייך דאס גֶעלד אִין דִיא האַנד פאָרבֶּערֶייטֶעט, דֶען שוּלד אַבצוּגֶעבֶּען. וויא זִיא צוּ אֵיינאַנדֶער נאָהֶע גֶעקאָממֶען זִינד, שרייט אִיהם דֶער בּוֹיעֶר עֶנטגֶעגֶען אוּנד פראַגט: האַסט דוּ נִיכט אֵיינֶע גוּטֶע קוּה? אַנטוואָרטֶעט דֶער יוּד, וואַרוּם האַסט דוּא דֶען גֶעסטֶערן נִישט גֶעקוֹיפט אִין וואָרְנֶעוו אוֹיף דֶען מאַרקט? זאגט דֶער עֶרֶל אִיך האַבֶּע קֵיינֶע צַייט גֶעהאַבּט אוֹיף דֶען מאַרקט צוּ פאַהרֶען, זאגט דֶער יוּד אִיך האַבֶּע דִיך דאָך גֶעסטֶערן דאָרט גֶעזֶעהֶען! זאגט הֶער עֶרֶל, דוּ אִירְרסט דִיך, אִיך בִּין נִיכט גֶעפאַהרֶען וֶועגֶען דֶען שנִיטט, דֶענן אִיך האַבֶּע דִיא עֶרנטֶע נִיכט אוֹיפשִׁיעֶבֶּען קאָננֶען אוּנד זאָ האַבֶּע קֵיינֶע צַייט גֶעהאַבּט צוּ פאַהרֶען. אִיזט דֶער יוּד זֶעהר עֶרשטוֹינט אוּנד האַט גלַייך פֶערשטאַנדֶען דאס עֶס אַיין מוֹפֵת פאָן רֶבִּין אִיזט, דֶען יֶעטצט האַט עֶר נִיכט וֶועם אַבּ־צוּגֶעבֶּען דִיא 50 גוּלדֶען. אוּנד פאָן דאַמאַלס אַן האַט עֶר שֶׁאֹהן פַּרְנָסָה. אוֹיף דֶען האַט זִיך דֶער שִׁינֶעוֶוער זצ"ל אַנגֶערוּפֶען מִיט דִיעזֶע וואָרטֶען: "מִצְוָה לְפַרְסֵם בְּיִשְׂרָאֵל." (עֶס אִיזט אֵיינֶע מִצְוָה דאס אוּנטֶער יוּדֶען צוּ עֶרצֶעהלֶען.)

אבי

אָבִי מוֹרִי הָרַבָּנִי הֶחָסִיד מו"ה יִצְחָק אײזיק גינצלער זצ"ל ער־צעהלטע, דאסס ער וואר אײנמאל בײא הה"צ ר' מרדכֶעלע אין נאד־ווארנע, דאס וואר אין אײן דאנערסטאג. בײם געזעגענען פראגט אידם דער רבי וואהין ער פאהרט אויף שבת, האט ער געאנטווארטעט, אויף סיגעט. זאגט הה"ק צום טשאטשעווער רב מעג מען פארן, אבער גישט צו דען אונד צו דען . . . (מחמת כבוד הרב לא אחפוץ לפרסם שמו) דאנן זאגט ער אידם נאך, "זאלסט וויססען, אז ישעיה האט אשביל אין הימעל."

אלם דער רב הצדיק מו"ה שלום אליעזר האלבערשטאם פאן ראצפערט דעם רבין מספיד געוועזען האט, זאגטע ער אונטער אנדערעם דאס ער פאן זיין ברודער הה"ק יחזקאל משינעווע געהארט האט, דאס אײנמאל וואר דער רבי דארט, האט ער זיך צום עססען בײם טיש פאן וויטענם געזעצט פאן שינעווער רב. וויא דער שינעווער רב איז צום טיש געקאממען, זעהט ער דאס דער רבי ר' ישעי' זיצט וויט פאן זיין פלאטץ, זאגט ער צו אידם, וויא לאנג נאך ווירסט דיא זיין אנחבא אל הכלים, דאס הייסט אײן בעהאלטענער מענטש.

הָרַבָּנִי הֶחָסִיד הַמְפוּרְסָם מו"ה אֱלִיעֶזֶר בָּרוּךְ הַכֹּהֵן מאיהעל ער־צעהלטע מיר, דאסס ער האט דאס געהארט פאן פריסטיגער רב, דאס דער פריסטיגער רב מיט דען רבין אונד נאך אנדערע יודען זינד צוזאמען געפאהרען אויף דיא יאהרצייט פאן רבין אלימלך מליזענסק, האבען זיא געבריכט איבער אײן פלוס וואססער מיט אײן שיפל דורכצופאהרען. וויא זיא וואַרען אין מיטן וואססער, האט דאס שיפל אײנען גראסען שפאלט בעקאממען, אונד זיא וואַרען אין גראסעם געפאהר. האבען זיא אללע אנגעפאנגען צו שרייען. זאגט אידען דער רבי, זיא זאללן הלל זינגען. האבען זיא אללע אנגעפאנגען הלל צו זינגען אונד זינד בשלום שנעלל דאס וואססער היניבער.

מיין ברודער הה"ג דומ"ץ דק"ק הומנא ערצעהלט מיר דאס ער דאס פאן החסיד הזקן ר' אײזיק נתן מפאטיק געהארט האט, דאס ער וואר

בײא

ביי הה"צ ר' שמואל קאמאדער, אבדק"ק דאראג אויף שבת אונד אויך דער רבי וואר דארט. איזט געקאממען איין בריעף פאן ליסקע צום דאראגער רבין פערשיעדענע פערליימדונגען אויף דען רבין ר' ישעי'. שבת נאך דעם טיש האט זיך דער רבי אנגעלעהנט אויף איינער באנק, נימט דער דאראגער רב דען בריעף, זעטצט זיך געבען דעם שלאפענדען רבין אונד פאנגט אן צו לעזען. נאך 2—3 צייל'ען האט ער דען רבין אינם געזיכט געקוקט אונד שויקעלט מיט דעם קאפף. דאנן האט ער ווייטער געלעזן דען בריעף אונד אימער געשאקקעלט מיט דען קאפף. וויא ער מיט דען בריעף לעזען פערטיג געווארדען איזט, שטעללט ער זיך אויף אונד זאגט: אז מען קען אזויא שלויפען איז אלעס שקר.

נאך ערצעהלט ער, דאסס דאמאלס שבת ביים עססען האט דער רבי איבער געלאזט אביסל זופ אין זיין טעללער אונד דער דאראגער רב האט גענאממען דען טעללער אונד האט דען רבינס שרייעם אריין געשיט אין זיין שיסעלע אונד האט זא געטיילט פיר דען עולם. אין דיעזער צייט וואר נאך דער רבי איין בחור.

מיין שוואגער, הרבני החסיד מו"ה משה בלייך האט מיר ערצעהלט, דאס ער האט דאס פאן רבינו געהערט, דאס הרב הגדול מו"ה אשר מאיר אבדק"ק באכנא וואר איין הערצליידענדער מענש אונד איזט איינמאל וועקגעפאללען, ווארען בייא איהם לעמבערגער פראפעסארען אונד האבען געזאגט, דאסס ער מוסס זיך זעהר אכט געבען דענן ווענן ער ווירד נאך איינמאל דערארטיג וועגפאללען, דאנן איזט ער ח"ו פערלארען, שפעטער וואר דער באכנער רב אין קערעסטיר אויף שבת אונד ערב שבת איזט ער שרעקליך וועקגעפאללען. דער רבי ערצעהלטע, דאס דיא פיססע ווארען איהם שוין קאלט, האט דער רבי טעלעגראפירט צום שינעווער צדיק. דער רבי מיט דיא רעבעצען האבען איהם געמאכט פערשידענע רפואות אונד עס איזט איהם גאנצליך בעססער געווארן, מיט איין פאאר חדשים שפעטער האבען זיך צוזאממען געטראפען דער שינעווער
צדיק

צדיק מיט דעם רבין ר' ישעלע. זאגט צו איהם דער שינעווער צדיק, ווען איך האב בעקומען דען טעלעגראם אז דער באבנער רב איז אוועקגעפאללען, האב מיך שרעקליך ערשראקען, דען איך האב געוויסט וויא ער האלט, האב איך געפרעגט, פין וויא קימט דער טעלעגראם, האט מען מיר געזאגט פין קערעסטיר, זא האב איך מיר עס ניכטעמאל אויף דער מחשבה גענימען, ווייל איך האב געוויסט אז ער איז אין גיטע הענד.

דער רבי האט ערצעהלט, דאס צו הה"ק ר' מאירל פראמישלאנער זצ"ל איזט איינער געקאממען אונד האט איהם געגעבען איין הונדערטער אלס "פדיון". וויא דער יעניגער איזט וועגגעגאנגען, האט ר' מאירל גע-נאממען דען הונדערטער אונד האט זיך דיא פייף דאמיט אנגעצינדען. מיט איין פאאר מינוטען שפעטער זינד פאליצייא געקאממען צו הה"ק מפראמישלאי פאלשע געלד זוכען. זיא האבען געזוכט אבער האבען נאטירליך ניכט געפונדען, (דענן ער האט זיך יא דאמיט דיא פייף אנגע-צונדען). זאגט דער רבי, בייא מיר וואר אויך דערגלייכען. עס איזט צו מיר געקאממען איינער אונד האט מיר וואללען געבען איינע מערשאן פייף אין פרעזענט. עס וואר עטוואס איינע טייערע פייף איך האב אבער ניכט וואללען צונעהמען. דער יעניגער האט מיך זעהר געבעטען איך האב אבער דורכויס ניכט געוואללט אונד האבע עס ריכטיג ניכט גענאממען. מיט איין פאאר טאגע שפעטער איזט דיא זשאנדאמאריע צום רבין גע-קאממען זיך וועגען דיא פייף אינטערעסירען, הענן דיזע האט מאן פאן איינען גראפען פריין געשטאהלען.

פאלגענדעס האב איך פאם רבין זעלבסט געהארט, אין זיינער יוגענד איזט עס געשעהען, איינמאל פאר פסח, עס האבען שאן נור איניגע טאגע געפעהלט צו פסח אונד ער האט נאך קיינע ערדעפפעל געהאבט אונד עס וואר אויך ניכט ווא צו קויפען. עס וואר ערב פסח. פלעצליך פאהרט דורך איין וואגען אונד שטעלט זיך גראדע נעבען רבינס פענסטער אונד דיא פפערדע וואללען ניכט ווייטער געהן, דער קוטשער שלאגט דיא פפערדע, אבער עס נוצט ניכט, זיא וואללען ניכט ווייטער געהן, אינצווישען

קאממט

קאָממט דער רבי אַרויס אונד זעהט וויא דער קוטשער שלאגט דיא פּפערדע, פראגט ער דען קוטשער וואס ער האט אויף דען וואַגען, זאגט ער 6 זעקקע ערדעפּפּעל. זאגט דער רבי, אז דיא ווערסט מיר געבן איין פּאאר זעקליך, וועלען דיא פּפערדע גלייך געהן. ער האט ריכטיג געגעבען אונד גלייך וויא מאן האט דיזע פאָן וואגען הערונטער גענאָממען זאָפאָרט האבען דיא פּפערדע אנגעפאנגען ווייטער צו געהן.

נאָך האב איך פאָן אידם זעלבער געהאָרט, דאס ער וואר איינ־מאל אין דיא שטאדט מאקאָווע. עס וואר דאמאלס דיא לעטצטע נאכט וואס מאן האט נאָך געקעננט דיא לבנה מחדש זיין. נאך דען מעריב דאווענען וואר דערארט זעהר פערוואלקנעט, דאס עס גאר קיין אויסזיכט וואר אויף איינע לבנה. דער עולם האט דאפאן גראָם צער געהאבט, דענן זיא האבען נאָך ניכט מקדש געוועזן דיא לבנה. זאגט דער רב צום רבין, רבי זעהט עס זאָלל זיין אַלבנה, אנטוואָרטעט דער רבי, „נו געט אהער תיקון, וועט זיך מאכען אַלבנה". האט דער רב געזאגט דאס ער האט ביא זיך קיין געלד, האט דער רבי געזאגט צום עולם, זיא זאָללן גוטשטעהן, זאָ האט דער עולם מסכים געוועזן. וואָרענד דיעזן געשפרעך זינד דיא וואָלקען צערשטרייט געוואָרדן אונד דער הימממל וואורדע לויטער, זאָ דאס מאן האט פאָן בית הכנסת דורך דאס פּענסטער געזעהן דיא העלל שיינענדע לבנה. מיט גראָסע שמחה איז דער עולם געגאנגען דיא לבנה מחדש זיין. נאך קידוש לבנה וועגדעט זיך דער רב צום רבין מיט דיעזע וואָרטען: ווענן איך העטטע עס זעלבער ניקס געזעהן, העטטע איך עס ניקס געגלויבט.

החסיד מו"ה אלימלך פישמאנן דער געוועזענער גבאי דעם רבינס ערצעהלט מיר, דאס הנגיד ר' משה ראָזענוואלד אויס מישקאָלץ האט אידם ערצעהלט, דאס פאָר איינע קורצע צייט האט אידם איין גוטער פריינד זשורירט אויף צעהנטויזענד פּענגאָ. וויא עס איזט געקאָממען נאך 3 מאָנאטע, האט דער גוטער פריינד ניכט מעהר אונטערשרייבען

וואללען

וואללען. ר' משה האט אידם ווידערהאלט געבעטן, ער האט אבער אום קיינען פרייז ניכט וואלען. פאאר טאגע זינד פאריבער, איזט דער ר' משה ראזענוואלד געפאהרן נאך בודאפעסט. אויף דער אייזענבאהן האבן זיך מיט דעם זשוראנט צוזאממען געטראפען, אבער דער ר' משה האט מיט אידם ניכט וואלען שפרעכען וויל ער איף אידם באזע וואר. ער קאממט אבער צו צו אידם אונד זאגט: איך האב דיר נישט וואלען זשורירן אויף קיינען פרייז, אבער דיא פערגאנגענע נאכט איזט צו מיר אין חלום געקאממען דער רבי ר' ישעיעלע מיט זיין זאהן ר' אברהמעלע אונד האבען מיך געבעטען איך זאלל דיר זשורירן. איך זעהע, דאס דער רבי ארבייטעט פיר דיר, זא מוסס איך דיר זשורירן אונד האט אידם ריכטיג ווייטער זשורירט.

מיין שוואגער הרבני החסיד מו"ה משה ליב בלייך גבאי ערצעהלט מיר, דאס מו"ה ר' שמואל צבי באש ממישקאלץ האט אידם פאלגענדעס ערצעהלט: ער וואר היער ביים רבין מיט איין „דאטש" וועלכער אידם אלם פארשפרעכער מיטגענאממען האט. דעריעניגער האט איינע בעזאנדערס גראסע בקשה געהאט נעמליך ער האטטע אויף דען נעכסטען טאג איין קרימינאל פראצעס, פאן וועלכען ער גאנצליך ריין איזט, עס וואר נור איין בלבל. ביים געזעגענען האט אידם דער רבי „אנגעווינשען" אונד זאגט אידם השי"ת ווירד העלפן עס קען אידם טונקל ווערדען. ער האט ניכט פערשטאנדען וואס דער רבי האט אידם אנגעווינשען, אבער פראגען האט ער ניכט וואללען אונד זינד נאך הויזע געפאהרען. וויא זיא אין מישקאלץ פאן דער באהן אין דיא שטאדט געהען שטעהט אויף דען וועג איין מאנן אונד פראגט זיא, פיעלייכט פערשטעהען זיא צום עלעקטער, דען ער איזט אין דער גראסטער פערלעגענהייט. נעמליך ער האט יעטצט איינען גראסען אונטערהאלט געמאכט פיר הערשאפטען אונד יעטצט ביים בעסטען אונטערהאלט האט זיך דאס עלעקטרישע ליכט פערלאשען אונד זינד אים דונקעל געבליעבען אונד יעצט איזט שאן שפעט, 12 אוהר בייא נאכט, זא וויים ער ניכט וויא צו

זוכען

זוכען, ווער עס ריכטען זאלל. זאגט ר׳ שמואל צבי׳ איך פערשטעהע עטוואס דאצו אונד ווערדע פראביערען. ער איזט ריכטיג אם שטאק הינאויף, האט דען פעהלער געפונדען אונד האט עס געריכטעט, זא דאס דאס ליכט וויעדער אין ארדנונג געברענט האט. קאממט צו איהם דער פריץ אונד פראגט וואס ער פיר דער ארבייט שולדיג איזט. איך וויל איהנען גוט בעצאהלען — זאגט ער, אונד שטעללט זיך פאר דאס ער איזט דער הויפט פאן שטראפגעריכט. אנטווארטעט איהם ר׳ שמואל צבי׳ איך ברויך פיר מיינע ארבייט קיין געלד, זאנדערן איינע געפעליגקייט מאכטע ביטטען, נאמליך מארגען פארמיטטאג האט מיין גוטער פריינד איין אונשולדיגעס קרימינאל-פראצעס, מאכטע איך ביטטען איהם איינע טובה צו טוהן. זאגט דער פריץ, יעצט האב איך קיין צייט דאס פינקטליך אויפצונעהמען זאנדערן קאממען זיא מארגען פריה אום אכט אוהר הער אויף מיינער וואהנונג. דאן ווערדע איך שאן זעהן. מארגען פריה איזט ער ריכטיג הין געגאנגען, דער פריץ האט דיא שריפטען נאכגעזעהן אונד האט זיך ביים טאגזאטץ פיר איהם אנגענאממען אונד ער איזט ריכטיג גאנצליך בעפרייט געווארדען. דאמאלס האבען זיא ערסט פערשטאנדען, וואס דער רבי האט מיט דיא ווארטען „עס קען עס טונקל ווערן" געמיינט, דען דורך דען דונקעל ווערדען אים ריכטערס הויזע איזט איהם דיא הילפע געקאממען.

ר׳ ישראל דוד כ״ץ פאן איהל ערצעהלט דאס ער איזט איינמאל צוזאמען געפאהרען מיט דעם רבין פאן טאקאי ביז נירעדהאזא. אין דען וואגען איזט נאך געזעסן ר׳ שלמה ענגעל אונד נאך איניגע בעקאנטע יודען. אין מיטטען וועג צווישן טאקאי אונד ראקאמאז קאממט איין דאטש אויף דעם וואגען הינויף אונד געהט גראדע צו צום רבין, דער ר׳ ערפרייט זיך מיט איהם אונד פראגט וויא זיינע געשעפטע געהען. אנטווארטעט ער גוט. דאנן זאגט ער צום רבין, איך איילע מיך זעהר, וויל איך שטייגע אין ראקאמאז אוים, דאנן נימט ער זיינע געלדטאשע אונד זאגט צום רבין ער זאלל זיך נעהמען וויפיעל ער ברויך. דער בריעפטאש וואר פאלל מיט מיליאנען (דענן צו דיעזער צייט ווארען אין אונגארן מיליאנען אים

פערקעהר

פערקעהר, אבער דער רבי האט ניכט וואללען געהמען, דענן ער זאגטע איהם, ערשט ניכט לאנג האבען זיא מיר איינען גראססען בעטראג געגעבען, אבער דער דאטש איזט דארט געשטאנדען אונד זיך זא לאנגע געבעטען, דאס דער רבי זאלל יא נעהמען, דען זיין גאנץ פערמאגען גערהארט דאך דעם רבין, ביז דער רבי זיך איינע סוממע גענאממען האט. זאמיט האט זיך דער "דאטש" עמפפאהלען אונד איזט וועג. נאכדעם זאגט דער רבי צו דיא, וועלבע דארט געזעססען זינד, איהר וואונדערט אייך ווארשיינליך ווארום דער דאטש געזאגט האט, דאס זיין גאנץ פערמאגען געהארט מיין? איך ווערדע אייך ערצעהלען דיא מעשה וועלבע וואונדערבאר איזט. פאר איניגע יארע איזט צו מיר דער דאטש אויף קערעסטיר געקאממען אונד זאגט, ער איזט מיך געקאממען איין עצה פראגען. נעמליך ער איזט איין גראססער בעל חוב, ער איזט דערארטיג שרעקליך פערשולדעט, דאס עס איזט איהם אונמאגליך זיינע שולדען מעהר אויס צו צאהלען אונד ער האט מער גארקיין עקזיסטענץ אונד עהער ער איין ארמעס אונד שאנדליבעס לעבען פיהרען זאלל, וויל ער ליעבער דען טאד. דאהער האט ער בעשלאססען זיך דאס לעבען צו נעהמען, יעצט איזט ער נור געקאממען מיך פראגען, אויף וועלבער ארט ער זאל זיך דאס ענטנעהמען, אב ער זאלל זיך הענגען, אדער אין וואססער העריין ווערפען אדער אבער ערשיעסען, האב איך איהם געאנטווארטעט — זאגט וייטער דער רבי — זעהע נור, ווענן דו ווירסט דיך הענגען, דאס ווירד איינע גראסע חרפה אונד שאנד זיין פיר דיין וייב אונד קינדער, וויא אויך פיר דער גאנצער משפחה. דאסס דו זאלסט דיך אין וואססער העריין ווערפען עס איזט יעצט ווינטער אונד דאס וואססער איזט זעהר קאלט, שיסן איזט אויך שלעכט, דענן דאפאן האט מאן גראססע שמערצען אונד דו ווירסט נאך חרטה האבען דארויף, זאגט דער דאטש, נו וואס דען? אויף וועלבער ארט דענקט דער רבי? — האב איך איהם געזאגט, זעה נור, פאנגע אן צו האנדלען אונד השי"ת ווירד דיר העלפען דאס דו ווירסט קעננען בעצאהלן אללע שולדען אונד ווירסט נאך לעבען מיט דיין וואב אונד קינדער איין

גליקליכעס לעבען. זאגט ער דאס איזט שאן אויסגעשלאססן. האט דער רבי איהם געבעטן ער זאלל פאן זיך דיעזע געדאנקען אבשאפפען אונד פאן דיעזעס וועג אבקעהרען אונד האט איהם פערשיעדענע ביישפיעלע געזאגט, ביז ער האט איהם צום הערצען גערעדעט. זא זאגט דער "דאטש" עס איזט מיר דאך אונמאגליך דען רבין צו פאלגען, דען ווענן איך מאכטע מיך שאן צום האנדל נהמען וואללען, האב איך ניכט מיט וואס אנצופאנגען דענן איך האבע קיינען העללער אין מיין פערמאגען. זאגט איהם דער רבי, איך געבע דיר 5 טויזענד קראנען אונד געה נאך טאקאי עס שטעהט דארט איין הויז צו פערקויפען, ער האט איהם איין ציימען געזאגט, וועלכעס הויז, אונד קויפע עס, השי"ת ווירד דיר געבען הצלחה אונד ווירסט אי"ה בעצאהלן אללע דיינע חובות. ער איזט נאך טאקאי מיט דיא 5 טויזענד קראנען אונד האט ריכטיג אבגעקויפט דאס הויז פיר 50 טויזענד קראנען, איין פאאר טאגע שפעטער קאממט ער ווידער צום רבין דאס אין איין פאאר טאגע קאממט דער טערמין צו בעצאהלן דען רעסט פיר דען הויז אונד ווענן ער ווירד ניכט האבען, זא געהען אויך דען רבינם 5000 קראנען פערפאללען. האט איהם דער רבי געזאגט, ער זאלל גארניכטס פירכטן, השי"ת ווירד העלפן. מיט איין פאאר טאגע שפעטער קאממט ער ווייטער צו מיר — זא ערצעהלט דער רבי — אונד ערצעהלט מיט גראסע פריידע, דאס מאן וויללל איהם שאן 2000 קראנען רוח געבען אויף דען הויז אב ער זאלל עס פערקויפן. האב איך איהם ניכט געהייסען. נאך איין פאר טאגע שפעטער קאממט ער, דאס מאן וויללל שאן 5000 קראנען רוח געבן, זא האב איך איהם געדייסען פערקויפן. דאנן איזט ער ווידער געקאממען צום רבין פראגען וואס ער זאלל ווייטער מאכען, האט איהם דער רבי געשיקקט נאך דעברעצין ער זאלל דארט דינגען איין גוט. ער איזט ריכטיג געפאהרען אונד האט געדינגען איין גוט אונד אין קורצעם דארויף האט ער עס איבערגעבען אונד האט בעקאממען 20,000 קראנען רוח. איזט ער ווייטער געקאממען וואס ער זאלל יעצט טהון, האט איהם דער רבי נאך נירעדהאז געשיקקט ער זאלל דארט קויפען איין גוט, ער איזט

געפאדרען

געפארען מיט גראסע אמונה, טראצדעם דאס ער האט קוים אויף אנגאבע געהאבט נאר ער האט שאן געזעהען, דאס וויא דער רבי זאגט, געלינגט עס — אונד האט ריכטיג איין גוט איינע מציאה געקויפט. אין קורצער צייט דארויף האט ער אויף דען גוט פיעל רוח געמאכט אונד האט עס פערקויפט. דאנן קאמט ער וויטער צום רבין פראגען וואס ער זאלל ווייטער טוהן, נאך יעדען געשעפט דאט ער וואלען דען רבין דיא 5 טויזענד קראנען אבגעבען, אבער דער רבי האט נישט וואלען געהמען. לעצטענמאל האט איהם דער רבי געהייסען ווידער איין גוט קויפען וועלכעס ער אויך נאך יעצט בעזיצט אונד האט שאן אללע זיינע שולדען בעצאהלט אונד איזט וויעדער איין גראסער עושר מיט גרויסע הצלחה, איבער דעם זאגט ער — האט דער רבי דיא ערצעהלונג געשלאסען — דאס זיין גאנצעס געלד איזט מיין.

הרב החסיד המפורסם מו"ה אליעזר ברוך הכהן מאיהעל ערצעהלט מיר, דאס אין טשענגער האט געהאט איין אלמנה אין פאכט איין ווירטצהויז פיעלע יאהרען, נאך דער רעוואלוציאן האט זיך דער הויז אייגענטימער בעזעצט אין סאקמער (ניירמעניען), זויא האט ער זיך בעזאגען, צו וואס ברויך ער איין הויז אין אונגארן, ער ווירד דאס פערקויפען, אבער דיא אלמנה האט דאס ניכט געקענט קויפען, דען זיא זעהר ארעם וואר, זא האט ער איין עמטליכעס ליציטאציאן מאכען לאסען. אכט טאגע פאר דיא ליציטאציאן איזט דיא אלמנה געקאממען צום רבין מיט דען בעקלאג דאס זיא בלייבט מיט איהרע קינדער גאנין בראטלאז, ווען דאס הויז פערקויפט ווירד. האט איהר דער רבי געזאגט, זיא זאלל זיך ניכט פירכטען, זיא ווירד דאס הויז אב קויפען, זאגט זיא דען רבין, דאס זיא האט קיין געלד דאצו, זאגט איהר דער רבי השי"ת ווירד העלפען מיט דען איזט זיא נאך הויזע געפאהרען, אם טאגע דער ליציטאציאן, אלס דיא ליציטאציאנסקאמיטע שאן קאוויציאנס געלדער פאן דיא רעפלעקטאנטען צוזאממענגענאממען האט, קאמט אן דער הויזאייגענטימער פאן ראמעניען אונד זאגט פיר דיא ליציטאציאנס קאממטע, זיא זאלען

אביסבען געדולדען, ביז ער געדט צו דיא אלמנה הערייז. ער קאממט צו דיא אלמנה אונד פראגט זיא, אב זיא וויללי דאס הויז קויפען. זאגט זיא איך מאכטע וואללען, אבער איך האב קיין געלד. זאגט ער פיעללייכט האסט דוא דאך עטוואס געלד. זאגט זיא 150 קראנען. דאס וואר דאמאלס זעהר וועניג געלד. זאגט ער צו איהר, אב זיא ווילל צו ביסלעך צאהלען. זאגט זיא יא, דאס ווילל איך זעהר גערנע מאכען. זא פערלאנגט ער פאן איהר דיא 150 קראנען. וויא זיא דאס געלד היז געגעבען האט, זאגט ער איהר איך מוסס יא דאס הויז דיר פערקויפען. איך האב ניכט גערעכנט הייטע היער צו זיין, נור זייט אכט טאגע קאנן איך פאן מיינע פרויא ניכט אויס־האלטען, זיא שיקקט מיך איממער הער, איך זאלל דאס הויז דיר פערקויפען. דאס ווארען דיא 8 טאגע, זייט זיא ביים רבי וואר.

החסיד והנגיד המרומם ר׳ שלמה ענגעל מטאקאי ערצעהלט דאס הרבני החסיד ר׳ מעכל מטשאבא האט איהם ערצעהלט, דאס זיין זאהן וואר זעהר קראנק וואנן ער נאך איין בחור וואר אונד האט היער אין קערעסטיר געלערנט. זא איזט ער געקאממען איהם צו הויזע פיהרן. איזט ער געקאממען צום רבין, ער זאלל פיר איהם מתפלל זיין דען דער בחור וואר שווער קראנק. וויא ער צום רבין געקאממען איזט, האט גראדע דאמאלס געבראכט איין ערל איין קארב פיש צו פערקויפען. זאגט צו איהם דער רבי, ער זאלל איהם דיא פיש אבקויפען. זאגט ער צום רבין וועגן דער רבי ווירד מיך מבטיח זיין, דאס מיין חיים ווירד האבען איין רפואה שלמה, זא קויפע איך עס אב. זאגט איהם דער רבי, השי״ת ווירד העלפען, זאגט ר׳ מעכל ניין, איך ווילל דער רבי זאלל מיך מבטיח זיין. זא האט דער רבי אנגעהויבן צו שמיסן פאן אנדערע זאכען. וויא ר׳ מעכל האט שאן געוואלט געהן, זאגט ער צום רבין, נו זאל מיך דער רבי מבטיח זיין, זאגט דער רבי איך האב דאך שוין געזאגט אז איהר זאלט אבקויפען דאס קערבל פיש. זאגט ר׳ מעכל, איך קויפע עס, נור דער רבי זאלל מיך מבטיח זיין. נו, זאגט דער רבי, איך בין דיך מבטיח. וכן הי׳, נאך אויף דען וועג ביים צוהויזע פאהרען האט שאן דער בחור פערלאנגט

וואססער

וואסער, אונד פאן דאמאלס אן איזט אידם אונגעשיינליך בעסער געווארען.

ידידי האברך המופלג מו"ה ר' אייזיק קליין פאן היער ערצעהלט מיר, דאס איינמאל קאממט צו זיינע שוויעגערעלטערן איין מאנן (זיינע שוויעגערעלטערן האבען היער איין גאסטהויז) ער וואר זעהר פריילעך אונד לוסטיג. פראגט אידם ר' אייזיק, פאן וואו ער קאמט, אנטווארטעט ער, איך קאממע יעצט פאן רבין, איך האב ב"ה שאן אללעס געפוילט. עס איזט בייא מיר זיכער, דענן איך האבע שאן איינמאל געהאט איינע דערארטיגע בקשה אונד וואר היער ביים רבין אונד בין געהאלפען געווארן פראגט ר' אייזיק וואס וואר דאס, אנטווארטעט דער יעניגער, איך בין פאן קאן-מאדאראש אונד האבע אייגען זאהן וואהנען אין גאדאללא ער איזט איין מיהל-אייגענטומער. נאך דער קאממוניסטישע רעגיערונג איזט מיין זאהן פאן דער מיהל צוהויזע געגאנגען, אויף דען וועג זינד אויך עטליכע בוירען געגאנגען וועלכע געשפראכען האבען פאן קאממוניזמוס אונד שרייען "האך דאס קאממוניזמוס" זאגט ער צו דיא בוירען, (אויף אונגאריש) זייא זאללען שטילל זיין, זאנסט וירד מאן זייא איינשפערן. פלעצליך קאממט צו אידם פאן הינטן איין דארטיגער גראסער פריץ אונד זאגט, "דו יוד וואס האסט דו געזאגט דאס האך דאס קאממוניזמוס ?!" אנטווארטעט מיין זאהן, אים געגענטייל, דיא בוירען האבען דאס געזאגט אונד איך האבע זיא געווארנט, דאס מאן ווירד זיא דאפיר איינשפערן. דער פריץ איזט געלויפען נאך פאליצייא אונד זשאנדאמאריא אונד לאססט מיין זאהן פערהאפטען. מאן האט גלייך צו מארגען געמאכט איינע שטרענגע אונטערזוכונג, אבער ער איזט דאפאן ריין הערוים. דער פריץ האט אבער ניכט וואללען נאכלאססען אונד זאגטע פיר דיא זשאנדאמא־ריא דאס אויף זיינע גאראנציא זאלל ער בלייבען פערהאפטעט. מיינע שניר האט נאך מיר טעלעגראפיערט. קאממע היין, שווער אונד ביטטער בין איך צו מיינען זאהן צו געקאממען אונד פראגע אידם וואס איזט צו טהון זאגט מיר מיין זאהן איך זאלל פאהרען נאך קערעסטיר צום רבין,

זאָ בין איך גלייך געקאָממען צום רבין אונד האָב איהם פֿאָרגעגעבען מיינע בקשה, געדעט דער רבי אונד גענוממט העדרוים איין קליינען ביטעל, דאס וואר פֿאָלל מיט זילבערנע מטבעות אונד גענוממט הינוים איינע מטבע אונד גיבט מיר, איך זאָלל דאס פֿיר מיין זאָהן געבען. דער יוד איזט פֿאָרט האט פֿיר זיין זאָהן דיא מינצע אבגעגעבען אונד צום דריטטען טאג האט דער פֿריץ איינע מפלה געהאט אונד זיין זאָהן איזט פֿריי געוואָרדען. ער האט דיא מטבע אויך פֿיר ר' אייזיק געוויזן, עס וואר פֿאָן זילבער אונד עס וואר דאראויף אויפֿגעשריעבען דאס וואָרט מכב"י.

נאָך האט מיר אבינער ערצעהלט, דאס מו"ה ר' ידידי' קליין האט איהם ערצעהלט, דאס ער איזט איינמאל געקאָממען צום רבין מיט איין בקשה דאס איינע פריצה ליעפֿערט יעצט עופֿות נאך וויען הירך איין יוד, דער יוד פֿערדיענט דאביא נור איינע קליינע סוממע אונד איהם מאכט זיא זעהר פֿיעל שאדען. זאגט דער רבי, השי"ת ווירד העלפֿען, מאן ווירד פֿאָן איהר ניכט קויפֿען, זאגט ר' ידידי' דיא פריצה האט שאָן אבגעזענדעט דאס געפֿליעגעל נאך וויען. זאגט וויטער דער רבי השי"ת ווירד העלפֿען מאן וועט ניכט נעהמען דיא עופֿות. מיט דיעזן איזט ר' ידידי' צוהויזע געפֿאהרן אונד האט זיין סחורה וועגגעשיקט נאך וויען אונד האט אללעס גוט פֿערקויפֿט אונד דיא סחורה פֿאָן דער פריצה איזט געבליעבען, מאן האט זיא ניכט וואָללען קויפֿען. נור מיט גראָססער מיהע אונד פֿערלוסט איזט זיא דיא געפֿליעגעל פטור געוואָרדען אונד האט מיט דען געשאֶפֿט גלייך אויפֿגעהאָרט.

דער רבי האט ערצעהלט, דאס ער וואר איינמאל אין זענטא אויף שבת. פֿרייטאג אבענד נאך דער סעודה איזט דער עולם געבליעבען שמיסן ביין טיש, וואר אויך דארט איין מלמד. וויא דער מלמד האט וואָללען צוהויזע געהן, זאגט דער רבי, ער זאָלל נאך אביסל זיטצען, איזט ער נאך געגן איינע האלבע שטונדע געזעססען אונד האט וואָללען געהען. זאגט איהם נאכמאלס דער רבי ער זאָלל נאך אביסל זיטצען. עס איזט לאנגזאם

דערארטיג

דערארטיג שפעט געווארדן, דאס דאס ווייב פאן מלמד וואר שאן צוהויזע זעהר אונגעדולדיג אונד האט ניכט געוואוסט וואס צו קלערן, ווא איהר מאנן איזט, דענן עס וואר שאן 2 אוהר ביא נאכט, זא איזט זיא נאך איהם געגאנגען, וויא זיא הערין געגאנגען איזט, זאגט צו איהם דער רבי נ״י יעצט קענט איהר שוין געהן. אלס דער מלמד מיט זיין ווייב צוהויזע קאמען זעהען זיא, דאסס דיא וואנד, ביא וועלכעם איהרע בעטטען גע־שטאנדען זינד, איזט איינגעפאללען אונד ווענן זיא העטטען פריהער צו־הויזע געוועזן, דאנן ווערן זיא אין גראססער סכנה אין גראסעם לעבענס־געפאהר געראטען.

הרבני החסיד ר׳ דוד העללינגער ז״ל פאן היער ערצעהלטע מיר, דאס פאר איניגע יאהרען אן פורים נאכט האט מאן פאן איהם פערשיע־דענע סחורות געגאנבעט, דיא גנבה וואר פאן איינען גרויסן בעטראג אונד אויסערדעם האט גראדע דאמאלס איינער ביא איהם איין פאקעט ארונטער געלעגט, אין וועלכן ניכט כשרע סחורה וואר אונד מאן האט דאס אויך וועגגעגאנבעט. זא האט דער ר׳ דוד ניכט געוואוסט וואס ער זאלל טהון, איזט ער צום רבין געגאנגען אונד ערצעהלט זיין מאלאר. זאגט איהם דער רבי, ער זאלל דאס ביא דיא זשאנדארן מעלדן. זאגט ר׳ דוד איך קאנן דאס ניכט מעלדן, וויל איינער האט ביא מיר ניכט כשרע סחורה ארונטער געלעגט, פירכטע איך עס צו מעלדן, זאגט איהם דער רבי, ער זאלל ניכט פירכטען, נור מעלדן, ער ווירד דיא זאכען צוריק האבען. ער האט ריכטיג זא געטאן, וויא דער גנב האט געהארט, דאס דיא זשאנדאמאריא זוכן דיא גנבה, האט ער גראס פחד בעקאממען אונד האט ביא נאכט דיא זעמטליכע זאכען געגעבען דען כומר הערונטער געווארפען, מארגענס שטעהט דער כומר אויף, געהט הערוים, זעהט ער דארט דען פאקק מיט זאכען, האט ער עס צו זיך אריין געטראגען. שפעטער קאממט ער צו ר׳ דוד אין געשאפט, אונד ערצעהלט וואס ער האט געבען זיין טאר געפונדן, זאגט ר׳ דוד, פיללייכט זינד דאס מיינע געשטאהלענע זאכען, זאגט דער כומר, קאממע צו מיר, ווערדע איך זיא

דיר

דיר צייגען. ער איז ריכטיג היגעגאנגען אונד ערקענטע אללע זיינע זאכען אונד יעגער האט זיא איהם איבערגעגעבען. עס האט דאפאן אבסאלוט גארניכט געפעהלט.

איך האב געהארט פאן הנגיד ר' מיכאל ז"ל מאיהעל דאס ער איז איינמאל געקאממען מיט איינע בקשה צום רבין, דאס ער האט בעקאממען איין קאנקורענט איין ערל אונד 2 פאמיליען קאנגען דארט זיבער קיין פרנסה האבען פאן דען האלצקאהלען-געשאפט. וואס ער האטטע. זאגט איהם דער רבי "הקול קול יעקב" קולן געשאפט געהארט פיר יעקב. פאאר טאגע שפעטער קאממט צו ר' מיכאל דער ערל, דאס ער זאלל פאן איהם דאס קאהלען געשאפט איבערנעהמען, דענן ער וויל מעהר מיט דען קאהלען ניכט האנדלען, דען עס איז איהם פערמיעסט געוואָרדען.

הרבני החסיד המרומם מו"ה ר' אברהם מרדכי דייטש פאן היער ערצעהלט, דאס זיין וייב וואר ל"ע געפעהרליך קראנק, דעראַרטיג, דאס אללע דאקטארן האבען זיא פיר פערלארן געהאלטען, דאמאלס איז דער רבי געגאנגען מבקר חולה זיין, וויא דער רבי אין צימער געקאממען איז — ערצעהלט דאס וייב פאן ר' אברהם מרדכי — האט זיא געזעהן דאס דיא שטובע איז ליכטיג געוואָרדען אונד אויף אללע ווענדע האט זיא געזעהן ברעננענדע יודישע ווארטער אונד פאן דיעזער סעקונדע אן האט איהר אנגעפאנגען בעססער צו ווערדען אונד זיא איז גאנצליך געזונד געוואָרדען.

דעראַרטיגע געשיכטע ערצעהלט מיר מיין שוואגער הרבני החסיד וכו' מו"ה ר' משה צבי וויעזען מטרעבישאו, ער וואר אים יאהרע תרפ"ו זא געפעהרליך קראנק, דאס מאן האט שאן וואללן בייא איהם ליכט אנצינדען. פלעצליך זעהט ער, דאס דיא טיהר אפפנעט זיך אונד זיין רבי דער אונסדארפער רב זצ"ל אונד אויך אונזער רבי זצ"ל קאממען אין זיין צימער היריין. דאמאלס האט ער אויפס נייא אנגעפאנגען צו

אטמען

אַטמען אונד עס איזט איהם גאַנצליך בעססער געוואָרדען.

הנגיד המרומם מו"ה ר' אהרן רייגער ממישקאָלץ ערצעהלטע מיר וואס עס האט מיט זיין ברודער פּאַססיערט. איינמאל וואר זיין ברודער ביים רבין, וויא ער האט זיך מיט דיזעם רבין געזעגנעט, זאגט איהם דער רבי, ער זאָלל ניכט ביוא נאַכט צוהויזע פאַהרען, זאָנדערן ער זאלל היער איבערנאַכטיגען אונד מאָרגען פריה צוהויזע פאַהרען. זאגט ער דעם רבין, ער מוסס פאַהרען, דענן עס וואַרטעט איהם זיין געלעגענהייט ביוא דער שטאַציאָן אונד וועגן ער ווירד ניכט פאַהרען, ווירד זיין ווייב ניכט וויססן וואס צו דענקען. טראָצדעם האט איהם דער רבי נאָך איינמאל געזאָגט ער זאָלל ניכט פאַהרען, זאָ האט ער געקלערט, וועגן דער רבי ניכט הייסט פאַהרט ער ניכט אונד איזט ריכטיג געבליעבען. צו מאָרגענס איזט ער צוהויזע געפאַהרען. וויא ער קאָממט נאָך הויזע ערצעהלט מאַן איהם, וואס עס האט זיך מיט זיין געלעגענהייט אַבענד פּאַססיערט. נעמליך געסטערן אַבענד וויא דער צוג איזט וועג אונד דער קוטשער האט געזעהן דאַסס זיין הערר איזט ניכט געקאָממען, האט ער אויפגענאָממען איין ערל אויף דען קוטשן. אין מיטטן וועג האבען מאָרדער דען קוטשען געשטעלט אונד האַבן דען ערל זעהר צערשלאַגען, זיא האבן דען רייגער געזוכט, אונד האַבן אים פינסטער געמיינט, דאַסס רייגער זיצט דאָרט. דאַנן וויא זיא געלד געזוכט האבען, האבען זיא ערסט ערפאַהרען, דאַסס זיא איין גראָסעס אירטום האַטטען, דענן זיא האבען גאַרניכטס געטראָפּפען. דאַמאַלס האט ער ערסט געזעהן, וואס דער רבי אין פאָרהינאיין געזעהען האט, אונד האט איהם מציל געוועזן.

איינמאל איזט צום רבין איינער געקאָממען אונד האט זיך בעקלאַגט, דאס ער האט איין ווירטסהויז אונד דער שופט טהוט איהם בחנם אן צרות אונד טשעפעט מיט איהם אימער. זאגט דער רבי ער זאָלל איהם געבן איין מתנה. זאגט דער יוד, דער איזט איין שרעקליכער רשע, ער וויל ניכט נעהמען, זאגט דער רבי, איך האב אַקבלה

אז

אז איין ערל ברויך צו געהמען, ווען ער געמט קיין מתנה מוס ער אן־געמען . . . אונד עס איזט ריכטיג זא געשעהן.

הרבני הנגיד מו"ה יששכר בעריש קרויזמאנן פאן טוניאג האט מיר ערצעהלט, דאסס ער האט פיר זיך געקויפט איין הויז אונד מאן האט עס ניכט וואללן אויף זיין נאמען איבערשרייבען, זא איזט ער צום רבין געקאמען אונד ערצאהלט איהם, דאס ער פארט יעצט נאך ב־פעסט, וויל מארגן ווירד זיין דיא פערהאנדלונג ביים מיניסטעריאם, זאגט איהם דער רבי, ער זאלל גארניכט מורה האבן, דאס הויז בלייבט זיין אונד זאגט איהם "איהר האט דאך פיר דען הויז בעצאהלט, בלאבט עס אייער, מאן האט עס איבערגעשריבן". אלס ער נאך ב־פעסט קאממט, געהט ער צום מיניסטעריאם, זעהט ער דען אירטום וואס ער געהאבט האט, דאס דיא פערהאנדלונג פאן זיין הויז וואר שאן איין טאג בעפאר, אין דער צייט, וואנן ער ביים רבין וואר אונד ריכטיג, ער פינדעט שאן דאס הויז צום איבערשרייבען געאורטיילט, וויא דער רבי איהם געזאגט האט, דאס עס איזט שאן איבערשריעבען.

הרבני התורני האלוף המרומם מוה"ר ירמיה צבי בערקאוויץ מגיבארד ערצעהלט מיר, דאס עס וואר איהם איין קינד זעהר קראנק ל"ע דערארטיג, דאס מאן האט זיך שוין דאפאן מייאש געוועזן, זא האט ער זיין שוואגער נאך קערעסטיר צום רבין געשיקט, האט דער רבי בעפוילן דאס זאנטאג ווירד ער דורך גיבארט דורכפאהרען ווירד ער איהם שוין בעזוכן, דאס וואר אם מיטטוואך טאג, האט זיך ר' ירמי' צבי געקלערט, דאס קינד איזט אויף דער לעצטער גראד, בעפעהלט איהם דער רבי מיטטוואך, דאס ער ווירד זאנטאג דא דורך רייזען, דאס קינד איזט געלעגן פערגלייסט מיט דען אויגען אונד זיין ווייב האט עס אויפגענאממען, האט ער איהר געהייסן עס אין דיא וויעגע צוריקק לעגן, דען ער האט געדענקט דאס עס איזט איין גוסס אונד ע"פ דין דארף מאן דאצו ניכט צורירן. אין זאלכעם צושטאנד איזט דאס קינד געלעגן ביז זאנטאג, זאנטאג קאמט ריכטיג דער רבי הין אונד געהט גראדע צו צום קראנקען קינד אונד זעהט

עס

עס אן, דאן רופט איהם דער רבי אין אנדערן צימער אונד זאגט, דאס קינד איזט זעהר קראנק, ער זאלל עס אויסלייזן. עס איזט אונטער 5 יאהר זאלל ער געבן 5 סלעים, ע"פ חשבון איזט דאס 25 גולדן. ר' ירמי' צבי האט דען רבין גלייך געגעבן דאס געלד אונד דער רבי איזט אבגערייזט. דאס וואר שאן געגן אבענדצייט, זא האט זיך ר' ירמי' צבי וויא אויך זיין ווייב ניעדערגעזעצט אונד זינד פאן גראס צער איינגעשלאפען אונד האבן ביז צופריה געשלאפען. וויא ר' ירמי' בעריש ערוואכט, געהט ער גראדע צום קינד, זאגט איהם דאס קינד, פאטער איך האב גראס הונגער. וועקט ער גלייך אויף זיין ווייב אונד זאגט איהר, דאסס דאס קינד פערלאנגט צו עססן. אין איניגע טאגע איזט דעם קינד גאנץ בעססער געווארדען. מיט איין פאר טאגע שפעטער קאממט ר' ירמי' צבי צום רבין אונד ערצעהלט דאס פיר זיין קינד איזט גענצליך בעססער. זאגט איהם דער רבי איך האב געוויסט אז עס וויורד איהם בעססער ווערדן, ווייל איך האב אויף אזוי פלאטץ דאס געלד געגעבן, אז איך האב געוויססט דאס עס מוס זיבער ניצן.

הרבני החסיד ר' צבי ליסקע ערצעהלט, דאס ער איזט איינמאל געקאממען פאן טאקאי נאך קערעסטיר אונד אין מיטן וועג איזט ער פלעצליך פאל געווארדן מיט איין אויסשלאג פאן קאפף ביז פוס. ער האט דאפאן שרעקליכע גראססע יסורים געהאבט אונד קאננטע זיך קיין ראט געבן, דענן ער וואר אין מיטן וועג. שווער אונד ביטטער איזט ער ביז צום רבין געקאממען אונד ערצעהלט גלייך פיר דען רבין זיין אונגליק וואס איהם פאססיערט האט, וויא אויך יעצט האט ער נאך זעהר גראססע יסורים. זאגט איהם דער רבי ער זאלל געהן אין דיא מקוה, איזט ער גלייך געגאנגען אין דיא מקוה. וויא ער איזט פאן דער מקוה הערויס, איזט איהם גלייך גאנצליך בעססער געווארדן, ניכטאיינמאל וואר צו ערקעננען, דאסס עס וואר אויף איהם עטוואס. איזט ער גלייך צוריק צום רבין געגאנגען ערצעהלן, דאס עס איזט איהם בעססער. זאגט דער רבי מיט איין שמייכל, דו וועסט נאך מיינען אז איך בין א נביא, ניין,

נור

נור איך וויים אז עס איזט פערהאנדן איין ווינטל, וועם דאס ווינטל טרעפט ווירד ער מכה שחין, דאס הייסט, ער בעקאממט איין אויסשלאק אונד צו דען ניצט ניכט נאר וואססער, דארום האבע איך דיך אין דיא מקוה געשיקט.

הרבני מו"ה ישראל יהודא בערגער מבאניהאד האט מיר ערצעהלט, דאס זיין שוועסטער פאן קאשוי האט ל"ע קיינע קינדער געהאט איזט זיא געקאממען צום רבין מיט איהר בקשה אונד האט זיך געבעטן ביים רבין, ער זאלל זיך בייא איהר אויסבעטן געלד, האט דער רבי ניכט געוואלט, נור נאך פיעל ביטטען האט איהר דער רבי געזאגט, געבע מיר יעצט 50 Kč, דאנן אז השי"ת ווירד דיר העלפן, ווירסט דו מיר נאך 50 Kč שיקקן, איינע קורצע צייט דארויף איזט זיא ריכטיג געהאלפן געווארדן מיט איין בן זכר אונד וואהרענד דיעזער צייט איזט דער רבי זצ"ל נפטר געווארדן, איינע קורצע צייט דארויף איזט דער רבי צוא איהר ברודער אין חלום געקאממען אונד זאגט, דיינע שוועסטער איזט מיר שולדיג 50 Kč פאן איהר ערשטען זאהן, זיא ווירד שאן באלד דען צווייטן האבן אונד האט מיר נאך פיר דען ערשטען ניכט בעצאהלט, זאגע איהר, דאס זיא זאלל דאס פיר מיין זאהן אברהמהלע בעצאהלען. איהר ברודער האט פאן גארניכט געוואוסט, ניכט דאס זיא וואר אין קערעסטיר אונד ניכט דאס דער רבי האט זיך בייא איהר געלד אויסגעביטן, גאנץ פריה געהט ער גלייך צו זיינע שוועסטער זיא פראגען איבער זיין חלום. ער קאממט צו איהר אונד פראגט זיא, אב זיא וואר אין קערעסטיר ביים רבין זצ"ל אנטווארטעט זיא, זיא וואר דרט אונד ער האט ביי איהר אויסגעביטן 100Kč דיא 50 Kč, האט זיא דעם רבין געגעבן אונד פינפציג איזט זיא שולדיג געבליעבען, נור וייל דער רבי איזט נפטר געווארדן, וויים זיא ניכט פיר וועם זיא זאלל דען רעסט געבן. זא ערצעהלט ער איהר זיין חלום אונד זיא האט גלייך פיר הה"צ ר' אברהמעלע איבערשיקקט דיא 50 Kč,

איך האב פאן רבינו זצ"ל געהארט ערצעהלן, דאס עס איזט צו איהם איינמאל געקאממען איין פראסטער מענטש אונד זאגט צו איהם

רבי

רבי פאר אפאר טאגע זענען מיר פערלארן געגאנגען 4 פאר אקסן, בין איך געוועזן ביים קאפישער רבין, האט ער מיך אהער געשיקקט, דאס דא וועל איך טרעפן מיינע אקסען, האט דער רבי געזאגט, דער קאפישער רבי האט געמיינט, אז עך וועל עס געבן געלד אויף אנדערע אקסן, אזויא ווירד ער זיא טרעפן, האב איך אידם געפרעגט וויא זענען דיא אקסן פערלארן געווארדן? זאגט ער געבן באנעווין, האב איך אידם געזאגט, זיכער זענען דיא אקסן געגאנגען געגן אונגוואר, אין נעבן אונגוואר איז דא איין וואלד, דארט זאלל ער זיכן דיא אקסן, זאגט ער צום רבין, רבי אז עך וועל טרעפן דיא אקסן, וועל עך אך שיקקן 20 ראניש. — צום פירטען טאג איזט פאן אידם ריכטיג געקאממען 20 גולדן.

ידיד נפשי הרבני התורני המופלא ומופלג בתוי"ש מוה"ר יהושע זיידענפעלד פאן היער ערצעהלט, דאס וואנן זיין וייב צום ערסטענמאל ענטבונדן איזט, האבען מוסען פראפעסארן דאס קינד אבנעהמען אונד זיא וואר האכסטגעפארליך. דאמאלס האבן דיא פראפעסארן בעהויפטעט, דאס זיא דארף מעהר קיינע קינדער האבן, זיא איזט אבער מיט איינע צייט ווידער מעוברת געווארדן, האט זיא זיך זעהר געפירכטעט, פאן גראס שרעקק אונד פורכט איזט זיא אימער נאכקלערענד הערום געגאנגען, וואס עס ווירד יעצט מיט איהר געשעהן, זיא וואר זא וויט פערקלערט, דאס זיא האט ניכט געגעסן אונד עס איזט שאן זא וויט געקאממען, דאס זיא האט זיך אם העללן טאג ניכט מעהר געטרויט אלליין אים צימער צו בלייבן, וויא זיא אין זיעבטן מאנאט געקאממען איזט, האט זיא זיך לאסען אונטערזוכן, האבן דיא פראפעסארן געזאגט, דאס מאן מוסס דאס קינד זאפארט אבנעהמען, זאנסט ווענן זיא ווירד ביז צום ניינטען מאנאט ווארטען, איזט זיא ח"ו פערלארן, זא איזט ער צום רבין געקאממען איינע עצה פראגען, אב ער זאלל לאססן דאס קינד אבנעהמען, האט דער רבי ניכט געהייסן אונד זאגט ער זאלל ניכט פירכטן, השי"ת ווירד העלפן, וויא זיא ערפיללט האט דאס

נייגטע

גײנטע מאנאט, האט זיא דאס קינד דעראַרט גרינג געבאָרן, דאס עס וואר קיין צייט ניכטאײנמאל נאך דיא העבאם צו געהן.

החסיד המפורסם מו"ה שלמה ענגעל מטאקאי ערצעהלט מיר, דאס הנגיד המרומם מו"ה ר' צבי הערש גאלדשטײן מפיזעש־דיאַרמאט האט איהם ערצעהלט, דאס זײן ווייב וואר אײנמאל זעהר קראנק ל"ע. האט ער זיא נאך ב"פעסט געפיהרט. האבן דיא פראָפעסאָרן בעהויפטעט דאס זיא האט אינװענדיג איין געשוואלץ, וועלכעס מוסס מאן גלײך אפּער־רירן, האט ר' הערש געזאגט, ער קאנן דאס ניכט זאָפאָרט אָפּערירן לאססן, ביז ער ווירד זיך ניכט בעראטען אונד קאממט גלײך צום רבין אונד ערצעהלט זײן בקשה, פאנגט אן דער רבי איהם צו פראגען אויף זײנע געשעפטע, ר' הערש אנטוואָרטעט איהם, מײן ווייב ברויך אישועה, אבער דער רבי שפריכט אימּמער פאָן דיא געשאֶפטע, ער אנטוואָרטעט אימּמער, מײן ווייב ברויך מאן צו אָפּערירן, וויא עס איזט געקאָממען דיא צייט, דאס ער האט וואללן וועגפאהרען, פראגט ער, רבי וואס זאלל איך מאכן, זאגט דער רבי ער זאלל נאך ניכט פאהרען, ער האט נאך צייט זאָ איזט ער געבליעבן ביז צו מאָרגענס. צו מאָרגענס בײם געזעגנען זאגט איהם דער רבי מאנן ווירד ניכט ברויכן צו אָפּערירן. ער פאהרט גלײך נאך ב"פעסט, קאָממט אין שפּיטאל אונד וואַרטעט דיא אונטער־זוכונג. וואנן דער פראָפעססאר האט זיא אונטערזוכט, בלײבט ער שטעהן אונד זאגט, דאס איזט וואונדער איבער וואונדער, דאס איזט מיר נאך ניכט פאָרגעקאָממען, דער געשוואלץ איזט צערגאנגען מאנן ברויך זיא מעהר ניכט צו אָפּערירן. פאָן דאמאלס אן איזט איהר בעססער אונד בעססער געוואָרדן אונד מיט איין קורצע צייט דאראויף איזט זיא אָהנע אָפּעראציאָן גאנץ געזונד געוואָרדן.

הרבני החסיד המרומם מו"ה שמואל אהרן שו"ב דפה ערצעהלטע מיר, דאס הנגיד ר' פתחי' רײזמאן האט איהם ערצעהלט, דאס ער וואר אײנמאל בײם רבין מיט איין גוטען פרײנד בײזאממען אונד האבען בײם רבין געשלאָפען. וויא זיא זינד אויף איהר געלעגער געלעגען, האבען זייא

פאָן

פֿאַן צַדיקים גֶעשפּראָכן אונד אויסגֶערעכנט, וועלכֶע עֶס קאַננטֶען דיא ל"ו צַדיקים זַיין אונד רֶעכנֶען אוים דִיא צַדיקים, דֶען זידיטשויבֶער, אִידֶעלֶער אונד זָא ווייטֶער. וויא זיא שפּרֶעכֶען, מַאכט דֶער רֶבּי אויף דיא מִיר אונד זאגט, אויך אִיך קֶען צווייא, אֵיינֶעם דֶען מְשֶׁהעלֶע אִין לֶעמבֶּערג אִין דֶער צוויוטֶער אִיז דֶער רוֹטֶער יַענקֶעלֶע אִין בֶּערלִין.

איך האָב פֿאַן רֶבִּין זֶעלבֶּער גֶעהֶאָרט פֿאָלגֶענדֶע גֶעשִׁיכטֶע. נאָך דֶעם חֲנֻכָּה-לִיכט צוּנדֶען וואר דֶעם רֶבִּינס גֶעוואָנהֵייט דאס עֶר פֿלֶעגט צוּ זִיטצֶען אונד צוּ שפּרֶעכֶען פֿאַן צַדִיקים. אונטֶער דיא גֶעשפּרֶעכֶען אִיזט פֿאָרגֶעקאָמֶען אֵיין שְׁמִים פֿאַן הַחָסִיד ר' זְאֵב מִדְאָברא. זאגט דֶער רֶבִּי דֶער ר' זְאֵב וואר אֵיינמאַל בֵּייא מִיר אונד עֶרצֶעהלט מִיר דאס גְרָאסקֵייט פֿאַן זַיין רֶבִּין, עֶר האָט זִיך בֵּייא מִיר גֶעזֶעגֶענט מִיט אֵיין בַּקָשָׁה, נֶעמלִיך עֶר הַאָט צוויירלֵייא הָאלץ, עֶשִׁין הָאלץ אונד אֵייכֶען הָאלץ. מִיט דֶען עֶשִׁין הָאלץ הַאבֶּע מִיך שָׁאן גֶעזֶעגֶענט מִיט מֵיין רֶבִּין, זאגט ר' זְאֵב אִיך בִּין מִיך נוּר גֶעקאָמֶען גֶעזֶעגֶנֶען מִיט דֶען אֵייכֶען הָאלץ. הַאבֶּע אִיך אִיהם אָנגֶעווינ-שֶׁען אונד עֶר אִיזט אַבגֶערֵייזט. דאס וואר חֲנֻכָּה צֵייט. דאָנן ראש חוֹדֶש אֶלוּל וואר אִיך בֵּייא הה"ק ר' מָרדכֶלֶע זצ"ל אִין בֶּערֶעגסַאס. וויא אויך דֶער ר' זְאֵב וואר דאָרט. האָבֶען וויר זִיך גראָדֶע בֵּייא הה"ק ר' מָרדכעלֶע צוזאמֶען גֶעטראָפֶען, זאגט ר' וואלף צוּ הה"ק ר' מָרדכֶעלֶע, דאס עֶר הַאָט מִיט מִיר אֵיין דִין תּוֹרָה אונד עֶרצֶעהלט פֿיר ר' מרדכעלע דיא אָבִּינֶע גֶעשִׁיכטֶע דאס דֶער רֶבִּי הַאָט אִיהם אָנגֶעווינְשֶׁען גוּט צוּ פֶערקויפֶען דאס אֵייכֶען הָאלץ, אונד האָבֶּע עֶס רִיכטִיג גוּט מִיט שׂאָהן רֶוַח פֶערקויפט אונד דאס עֶשִׁין הָאלץ הַאבֶּע אִיך נאָך יֶעצט אויך אונד בִּין נִיכט אִימשטאַנד עֶס צוּ פֶערקויפֶען. זָא פֿרַאגט הה"ק ר' מרדכעלע פֿאַן רֶבִּין, וַואס עֶר זאגט צוּ דֶען, הַאט דֶער רֶבִּי מֵשִׁיב גֶעוועזן בְּזֶה הַלָשׁוֹן „פֿאַר מאָנֶע 10 רֶאנִישׁ הָאב אִיך גֶענוּג גֶעטאָהן, דאס אִיבּרִיגֶע דאס הֵייסט דאס עֶשִׁין הָאלץ זאלל אִיהם זַיין רֶבִּי טאָהן, עֶר אַלֵיין הָאט דאך מִיר גֶעזָאגט, דאס מִיט דֶען עֶשִׁין הָאלץ הָאט עֶר זִיך מִיט זַיין רֶבִּי גֶעזֶעגֶענט" הַאט הה"ק ר' מרדכעלע זצ"ל גֶעזָאגט, דַאס דֶער רֶבִּי אִיזט גֶערֶעכט.

הרבני הנגיד המרומם ר' זאב וואלף דאוואדאוויץ פאן זעביזע ערצעהלטע מיר, דאס איינמאל וואר איינע פאן זיינע טאכטער געפעהרליך קראנק. אללע דאקטארען האבען זיא אויפגעגעבען, זיא וואר שאן ל"ע אויף דעם לעצטען גראד, זאגאר דיא פיססע ווארען איהר שאן געשוואל-לען, — וואס איין זעהר שלעכטער צייכען איזט, עס זאל ניכט פארקאמ-מען. זא האט ער זיך בעזאנגען אונד איזט צום רבין געקאממען אונד ערצעהלט איהם זיין בקשה. האט איהם דער רבי געגעבען אפאר קאצקא צוקער, ער האט דאס אבגעשפראכען. זאגט ר' זאב, זיא זעהט זא אוים דאס זיא קאנן דאס נישט צערקייען, זאגט דער רבי ער זאלל דאס אין אביסל וואססער צערוואשען אונד זא איהר געבען. ר' וואלף קאמט צו הויזע אונד טוט זא וויא דער רבי האט געהייסען. גלייך דאנאך האט איהר אנגעפאנגען צוזעהענדיג בעססער צו ווערדען. צופריה קאמט דער דאקטער, אונטערזוכט זיא דאנן זאגט ער: זיא הערר דאווידאוויץ, זיא זינד זיכער שאן ביים רבין ר' ישעיעלע געוועזען, איהר טאכטער איזט בעססער, דאס איזט איינע גאטליכע זאכע. אונד ריכטיג גאנץ קערצליך איזט זיא ב"ה גאנץ געזונד געווארדען.

איינע וויטפרוי פאן איין דארף, ניכט וייט פאן קליינווארדיין ערצעהלט, דאס בעפאר דער קריעג איזט אויסגעבראכען — האט זיא איין הויז געקויפט פאן איין ערל. זיא האט דאס הויז גלייך ניכט איבער-שרייבען לאססען אויף איהר נאמען, דענן גלייך דערנאך איזט דער קריעג איינגעטרעטען אונד דער ערל איזט וועג אין קריעג. זא איזט עס געבליעבען אונאיבערשריעבען. נאך דעם וועלטקריעג איזט דער ערל צוהויזע געקאממען אונד זאגט פיר דער וויטפרוי, דאס זיא זאלל וויססען, דאסס דאס הויז געהערט איהם אונד זיא זאלל דיא וואהנונג פערלאססען. זיא געהט צום נאטער, ער אנטווארטעט איהר, דאס ער קאנן איהר גאר-ניכט העלפען, דענן זיא האט עס ניכט איבערשרייבען לאססען אויף איהר נאמען. דאנן איזט זיא צו איין אדוואקאט געגאנגען. דער אדוואקאט זאגט איהר, דאס זיא האט איין פערלארען פראצעס. זא איזט זיא צום רבין

געקאמען

געקאממען מיט איין צערבראכען הערץ אונד וויינט, דאס עס קאמט איהר אוים אהנע הויז אונד אהנע פרנסה צו בלייבן, דען זיא אין דען הויז איין ווירטסהויז רעכט געהאבט האט. זאגט איהר דער רבי, זיא זאלל זיך איין אדוואקאט אויפנעהמען. זאגט זיא דאס קיין אדוואקאט וויל דאס פראצעס אנגעהמען, דען זיא דאלטען עס פיר זיבער פערלארען. זאגט איהר דער רבי זיא זאלל זיך ניכט פירכטען, עס ווירד שאן זיין איין אדוואקאט וועלכער עס ווירד דאס אנגעהמען. דאנן איזט זיא צוהויזע געפאהרען. אין נירעדהאזא ביא דער שטאציאן האט זיא ברויכען געגען 2 שטונדע צוווארטען, אונד זיא איזט דארט זעהר פערצוגט אונד פערקלערט געזעסען. קאמט צו איהר צו איין מאן מיט איין אקטען־טאש אין דער האנד אונד שפרעכט זיא אן אויף אונגאריש אונד פראגט זיא, ווארום זיא איזט זא טרויריג, אבער זיא אנטווארטעטע איהם ניכט, דען זיא האט זיך געהלערט וואס קאן ער דענן מיר העלפן, אבער דער מאנן פראגט זיא נאכמאלס וואס איהר פעהלט, ווארום זיא איזט זא טרויריג. זאגט זיא איהם, זיא קעננען דאך מיר זא וויא זא ניכט העלפן. זאגט ער צו איהר, ערצעהלן זיא מיר נור, פיללייכט ווערדע איך דאך העלפען קעננען. זא האט זיא זיך בעזאננען, וואס קאנן זיא דענן פערליערען ווען זיא ווירד איהם ערצעהלן, אונד האט איהם ערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע. זאגט ער צו איהר זיא זאלל זיך גאר ניכט פירכטען, ער איזט איין אדוואקאט, ער פארט מיט איהר מיט אין דארף העראיין אונד ווירד דיא זאכע פונקטליך אויפנעהמען אונד ווענן עס ריכטיג זא איזט וויא זיא ערצעהלט, קאנן זיא גאנץ רוהיג זיין, דאסס דאס הויז ווירד קורצליך אויף איהר נאמען איבער שריעבען ווערדען. ער איזט ריכטיג מיט איהר מיט געפארן. זיא קאממט שפעט ביי נאכט אן צוא איהר ברודער נאך קליינווארדיין, דארט איבער צו נאכטן, דאן צופריה נאך הויזע צו געהן אין דארף העריין. וויא זיא קאמט צו איהר ברודער העריין, פראגט ער זיא, ווער איזט דער מאנן, ערצעהלט זיא איהם דאס גאנצע פארגעהען, זא צערלאכט זיך דער ברודער אונד זאגט, ווער וויים ווער דער איזט, דער האט דאך קיין אויסזעהן פאן איין

אדוואקאט

אַדוואָקאַט. דיא קליידער וואַרען איהם געמליך ניכט זעהר עלעגאַנט זיא וואַרן זאָגאַר צעררִיסן. זאַגט זיא פיר דען ברודער, איך האָב אֱמוּנָה, ווען דער רבי האַט געזאָגט, דאַס עס וועט זיך איין אַדוואָקאַט טרעפן, פיעלליכט איזט דיעזער דער. זאָ האַט מאַן איהם אויך געמאַכט איין פלאַץ צום שלאָפן אונד צופריה זינד זיא צופוס אויף דען דאָרף הינויס. דער אַדוואָקאַט קאָממט אין דאָרף הערייַן, געהט ער גלייך אין דאָרפס־הויז, דאַנן שפּעטער קאָממט ער צו איהר צוריקק אונד זאַגט איהר, זיא זאָלל זיך גאַרניכט פירכטן, קערצליך ווירד דאַס הויז איבערשריעבען ווערדן אויף איהר נאַמען, יעצט קאַנן ער מעהר ניכט מאַכן, ער מוסס נאָך הויזע פאַהרען נאָך ב״פּעסט. פראַגט איהם דיא וויטפרוי, וואַס זיא זאָלל איהם צאַהלן פיר זיינע מיהע, זאַגט ער גאַרניכט. פראַגט זיא איהם אָב ער ווירד פאָן איהר צונעהמען איין פּאַאר יונגע הינדלעך, זאַגט ער יאַ, ער נימםט דיא הינדלעך אין דער האַנד אונד געהט צופוס נאָך קליינוואַרדיין. איינע קורצע צייט דאַרויף בעקאָממט זיא איין אויפרוף דאַס זיא זאָלל צאַהלן שטייער פיר דען הויז. זיא האַט זיך ערפרייט, דענן זיא האַט זיך געדענקט, ביז יעצט האַט מאַן פאָן איהר ניכט פערלאַנגט קיין שטייער, ווען מאַן יעצט פערלאַנגט, פיעללייכט ווירד שאָן עטוואַס זיין. איין פּאַאר שטונדע דאַרויף קאָממט אַן דער אַדוואָקאַט, אַבער שאָהן געקליידעט אונד זאַגט איהר, זיא זאָלל קאָממען מיט איהם שטייער צאַהלן אונד דאַס הויז איבערשרייבען. עס איזט ריכטיג זאָ געשאָהן. דאַס הויז איזט אויף איהר נאַמען איבערשריעבען וואָרדן. דאַנן פראַגט זיא איהם וואַס זיא איזט איהם שולדיג, זאַגט ער גאַרניכט. פראַגט זיא איהם זיינע אַדרעססע, האַט ער איהר איבערגעגעבן זיין אַדרעססע. דאַנן שפּעטער איזט איהר ברודער געפאַהרן נאָך ב״פּעסט אונד זוכט דען אַדוואָקאַט לויט דער אַדרעססע, וועלכע ער האַט אַנגעגעבן, אַבער ער קאָננטע איהם ניכט פינדען. ערשט דאַמאַלס האַט ער געזעהן דען גראָסן כח פאָן רבין ז״ל.— דאַס ערצעהלטע מיר דער ברודער פאָן דער וויטפרוי אויף דער לוי׳ פאָן רבין ז״ל. דיא מעשה איזט היר גוט בעקאַנט.

דער רבי זצ"ל האט פאלגענדע געשיכטע זעלבער ערצעהלט: איינמאל קאממט צו איהם איינע ערביטטערטע פרוי מיט איינע קלאגע, דאס איהר מאנן האט זיא פערלאססען שאן פאר פיעלע יאהרען אונד זיא ווייס ניכט פאן איהם צו זאגן. וויא דער רבי האט געזעהן, וויא ער־ביטטערט זיא איזט, האט ער איהר געזאגט, דאמיט עס זאלל איהר אם הערצן גרינגער זיין, זיא זאלל היער בלייבען אויף שבת, מאגליך ער וויר[ד] אויך קאממען, דענן עס קאממען הער אויף שבת פיעלע לייטע. אדער איך ווערדע מיך בייא דיא פרעמדע ערקונדיגען אויף איהם. דיא פרוי וואר איין איינפאכעס פרויענצימער, קיינע חכמת אונד עס וואר בייא איהר גאנץ זיכער, דאסס איהר מאנן וויר[ד] קאממען, זא איזט זיא 2—3 מאל טאגליך געקאממען צום רבין פראגן, אב איהר מאנן איזט נאך ניכט געקאממען. פרייטאג — ערצעהלט דער רבי — קאממט איין מאנן אין צימער הערייך, איך האב איהם ניא געזעהן, האבע איהם אבער דאך גלייך ערקעננט, דאס דער איזט דער מאנן פאן דער פרויא. דער רבי האט מיט איהם נאך רעכט ניכט אנגעפאנגען צו שפרעכן, קאממט שאן דיא פרוי פראגן דען רבין, אב איהר מאנן נאך ניכט געקאממען איזט. וויא זיא קאממט צו דיא טיר, ערקעננט זיא גלייך איהר מאנן אונד שרייט אויף איהם, וואו וואר[ס]ט דוא ביז יעצט? גלייך האט דער רבי צווישן איהנען פריעדן געמאכט. נאכדעם, וויא דער רבי האט דיא מעשה ערצעהלט, זאגט ער, דאס אללעס וואר נור בזכות האמונה.

הרבני הנגיד מוה"ר יואל סאמעט מקאראד ערצעהלט מיר, דאס ער איזט איינמאל בייזאממען געקאממען צו פארן מיט הה"צ ר' אברמעלע דער זאהן דעם רבינס פאן ב"פעסט, אין דיעזן וואגן זינד אויך קריסטן געזעססן, אויך זאלבע וואס האבן פיר אנטיסעמיט אויסגעזעהן. וויא דער קאנדוקטער איזט הערייך געקאממען, פראגט איינער, וועלכער גאר קיין יודישעס אויסזעהן געהאבט האט, וואנן דער צוג אנלאנגט נאך באדראג־קערעסטיר? זא האבן זיא זיך גלייך אומגעזעהן, ווער דאס איזט, ווער פאן דיא לייטע נאך קערעסטיר פארט. ר' אברמעלע האט איהם גלייך

ערקאנגט

ערקאננט אונד גיבט אידם שלום אונד פראגט אידם אב ער הייסט ר' משה פאן זענטע, זאגט ער יא. אויך דער ר' משה ערקאננטע דען ר' אברהמעלען, דאס ער דער זאהן פאן רבין איזט, דען פאר 20 יאהר צוריק וואר ער ביים רבין. ער נעמט הערויס איין 5 דאלאר שטיק אונד צייגט עס, דאס פאר 20 יאהרע האט ער דאס ביים רבין בעקאמען. ער וואר דאמאלס ביים רבין מיט דער בקשה, דאס ער האט קיינע פרנסה. ער וואר איין אישפאן אונד מאן האט אידם דיא פאסטען געקינדיגט, זא איזט ער גאנצליך אהנע פרנסה געבליעבען. וואהרנד דער צייט, דאס ער האט זיך פאן רבין געזעגענט, האט דיא רעבעצין געבעטן געלד פאם רבין ער האט אבער קיין אונגארישעס געהאבט, נור דען 5 דולאר, זא האט ער אידם געפראגט אויב ער קאנן דאס אידם ניכט איינוועקסלען, האט ער עס אידם איינגעוועקסלט. דאנן האט דער רבי אידם געזעגענט אונד ער איזט וועגגעגאנגען. וויא ער שאן געגאנגען איזט, איזט אידם דער רבי נאכגעגאנגען אונד זאגט אידם, זיא מיססען דען 5 דולארשטיק ניכט איינוועקסלן, זא לאנגע ווערדן זיא האבן בהרחבה געלד. ריכטיג זא וואר עס, ערצעהלט ער וייטער, דאס זייט דאמאלס, דאס הייסט שאן 20 יאהרע האט אידם נאך קיין געלד געפעהלט.

הנגיד המרומם מוה"ר קלמן עדלים פאן קאוועשד ערצעהלט מיר, דאס נאך זיינער הויכצייט האט ער מיט צוויא קריסטען בייזאממען איין הויז געקויפט. זיין טייל וואר צור גאססע. מיט איינע צייט שפעטער האט ער אבגעקויפט פאן איין ערל זיין טייל, וועלכעס אים עקק פאן הויז וואר, איזט נאך געבליעבען אין מיטטען איין טייל, דאס האט געהערט פיר איין ערלת. ער וואללטע עס אויך גערנע אבקויפן, אבער זיא האט עס ניכט וואללן אידם פערקויפן. זא האט ער געוואדטעט, דאס זיא ווירד עס מוססן פערקויפן, וייל דער דאך אין שלעכטעם צושטאנד וואר, אונד ער האט געוויסט אידרע פערהעלטניססע, דאס זיא איזט עס ניכט אימ־שטאנדע מאכן צו לאססן. איינמאל זעהט ער, דאס איין הערשאפט פאן דארף קאממט אין זיין האף הערייו מיט איין בויאונטערנעהמער אונד

מאַכן איין בערעכנונג וויעפיל געהאַלץ מאַגן ברויך צום דאַך. פראַגט ער דיא ערלת, וואס פיר איין געשעפט זיא האט מיט איהם געמאַכט, זאגט זיא דאס דער הערשאפט ווירד לאססן מאַכן איין דאַך, אונד דאפיר ווירד דען הערשאפטס דיענסט דאָרט וואָהנען. וויא ר׳ קלמן דאס געהאָרט האט האט עס איהם פיעל עגמת נפש פעראורזאכט, אויסער דען דאס ער האט ניכט געברויכט דאָרט איין פרעמדן איינוואָהנער, האט ער געברויכט דיא וואָהנונג פיר אייגענען געברויך. זאָ איזט ער צו זיין פאטער החסיד ר׳ שמעון מפאצין געפאָרען ער זאָלל זיך מיט איהם בעראטען, האט איהם זיין פאטער געהייסען פאָרען צום רבין נאך קערעסטיר. ער איזט ריכטיג געקאָמען צום רבין אונד איהם ערצעהלט דיא געשיכטע. זאגט איהם דער רבי, ער זאָלל זיך גארניכט פירכטען, דער הערשאפט האט קיין געלד, ווירד ער זיך נאָך איבערלייגען צוואס זאָלל דאס איהם, זיך איינצושולדיגען אונד ווירד פאָן דעם געשעפט צוריקטרעטען, צו מאָרגענס, וויא ער קאָמט צו הויזע, האט ער אללער ערשט נאכגעזעהן אָב מאן האט נאָך קיינע געהילץ געבראכט צום בויא, דאנן געהט ער אין זיין וואָהנונג אונד פראגט זיינע פרוי וואס נייעס איזט. זאגט זיא, געבראכט האט מאָן נאָך ניכטס, אבער זיא וויים ניכט וואס עס זיך טוט. שפעטער פראגט ער דיא ערלת וואס עס האָרט זיך מיט דער בוי, זאגט זיא דאס דער הערשאפט האט חרטה געהאט פאָן געשעפט, ווייל ער קיין געלד האט אונד אין שולדען וויל ער זיך ניכט דעריין לאססען. מיט אפאר טאגע שפעטער איזט דער דאַך איינגעפאללען, וואר זיא געצוואונגען איהם איהר טייל צו פערקויפען.

אים יאהרע תרפ״ז וואר הה״צ ר׳ אברמעלע, דער זאהן דעם רבין אין סאבראנץ אין באד, איזט צו איהם געקאָממען איין דאָרפס יוד אונד ערצעהלט איהם, דאס מיט איין יאהר צוריק וואר ער ביים רבין אין סאבראנץ (דען דאס לעצטע יאהר וואר דער רבי אין סאבראנץ אין באד), אונד פראגט איהם איין עצה אב ער זאָלל זיך קויפען איין דרעשמאשין האט דער רבי מסכים געוועזן, זאָ האט ער זיך געקויפט. דאנן קאָמט ער נאכמאלס

נאָכמאָלס מיט איין בקשה, נאָכדעם ער האָט זיך געקויפט, דאַסס אין דען דאָרף האָט איין ערל אויך איין דרעשמאַשין אונד דער האָט שוין מיט אַללע ערלים קאָנטראַקט געמאַכט אויף דען דרוש, זאָ בלייבט ער אָהנע דרוש. אַנטוואָרטעט דער רבי, דער ערל ווירד ניכט דרעשן, מיט דען איזט ער נאָך הויזע געפאַהרען, וויא דער דרוש געקאָממען איזט, דאַסס מאַן נאַכטטע וואָכע מאָנטאַג שאָן אַנפאַנגען וואָללטע צו דרעשן, אַם שבת בעפאָר איזט ביים ערל איין פייער אויסגעבראָכען אונד דאַס הויז וויא אויך דיא דרעשמאַשין דעם ערלס איזט פערברענט וואָרדען, זאָ וואַרען אַללע בוירען געצוואונגען ביא איהם דרעשען צו לאַססען אונד ער האָט פיעל געלד פערדיענט.

הנגיד והחסיד מוה"ר אברהם מרדכי דייטש ערצעהלט מיר, דאַסס פאַר. פיעלע יאהרן וואַר איינער היער פאָן רימאַסאָמבאָט, האָט איהם דער רבי געגעבען איינע קמע. דער יעניגער וואַר איין "דאַטש" אונד האָט ניכט פערשטאַנדן וואַס דאַס איזט, זאָ האָט ער דאַס אין זיין מאַנטל הערײן געשטעקקט אונד איזט נאָך הויזע געפאַהרען, נאָך איינע צייט האָט זיך ביא איהם ערייגנעט דאַס ער האָט ניכט געקאָננט שלאָפן, וויא אויך זיין ווייב ניכט, זאָ האָבן זיא צווישן זיך געשפּראָכן, וואַס דאַס קאָנן זיין דאַסס זיא קאָנגען ניכט שלאָפן. דאַנן איזט ער פאָן זיין בעט הערונטער אונד געזעהן אין צימער העל אונד היץ. פלעצליך קאָממט איינע באָמבע אָדער איין גראַנאַט אין צימער הערײן. (דאַס אייגענשאַפט פאָן איינע באָמבע איזט דאַס עס זיך איין פּאָר סעקונדען אומדרעהט בעפאָר עס עקספּלאָדירט.) וויא ער געזעהן האָט דאַס גראָסע געפאַהר, האָט ער זיך ערינערט דאַס דער רבי האָט איהם געגעבן עטוואַס איין סגולה, זאָ האָט ער גלייך גענאָממען דען מאַנטל, אין וועלכן דיא קמע וואַר אונד האָט זיך מיט זיין ווייב אונד זאָהנע איינגעהילט אונד זינד פאָן צימער הערויס געלויפן, וויא זיא אין האָף געקאָממען זינד, האָרן זיא וויא דיא באָמבע עקספּלאָדירט. עס האָט דיא וואַנדע צערוואָרפן, דאַס הויז איזט אַבגעברענט אונד ער זאַמט פאַמיליע איזט נצול געוואָרדן.

דרבני

הרבני הנ"ל ערצעהלט, דאס אויף דער יאהרצייט פאן רבין ווארן דיר לייטע פאן באטשאלמאש אונד האבען איהם ערצעהלט דאס איין נגיד בייא איהנען האט געהאט איין ווירטשאפט ניכט ווייט פאן דיא ערליימס בעט-הויז, וואר דארט איין פריץ וועלכער האט איהם סעקירט אונד האט וואללען זיין רעכט צונעהמען לאססען, זא איזט ער צום רבין געקאממען מיט זיין בקשה אויף שבת. זאנטאג וויא ער קאמט צו הויזע זינד איהם צור באהן ענטגעגען געקאממען חשובי בעלי בתים אונד ערצעהלען איהם, דאסס געסטערן מיטאג איזט פלעצליך דער פריץ געפאללען אונד געשטארבען. דאס גאנצע שטעטל וואר דאמיט אויף, דען עס וואר ער-קעננבאר דאס גראסע מופת.

מיין שוואגער הרבני החסיד מו"ה משה ליב האט געהערט פאלגענדע מעשה פאן רבין זעלבער ערצעהלען: איינמאל איזט צו איהם געקאממען הנגיד ר' ישראל שטערן פאן טארדאש אונד ערצעהלט דען רבין דאס ער קאמט יעצט פאן איין רבין אונד האט איינע גראססע בקשה, נעמליך ער האט געפאכטעט איין גוט שאן 10 יאהרע. יעצט ברויך ער עס פריש צו דינגען, דען דער פערטראג לויפט אב אבער דער פריץ פאן וועלכען ער דאס גוט האט, האט איין זאהן אונד דער וולל אויף קיינען פאלל דאס גוט איהם פערדינגען לאססען, זא וואר ער בייא איין רבין, אונד דער האט זיך בייא איהם אויסגעבעטן 500 ראניש אונד זאגטע איהם צו דאס ער ווירד בלייבן אין גוט. "נור איך פאדרע היר דורך — זאגטע דער ר' ישראל שטערן — בין איך צום רבין געקאממען, ער זאלל אויך מתפלל זיין פיר מיר." ערצעהלטע דער רבי, דאס ער האט איהם געזאגט, נאך מיינער מיינונג ווירד ער דיר דאס גוט נישט פערדינגן. דאט ר' ישראל גזגט עס איזט בייא מיר זיכער, דאס איך וועל עס יא דינגען, דען דער רבי פלוני האט מיר מבטיח געוועהן אונד איך האבע איהם געגעבען וויפיעל ער האט זיך אויסגעבעטן. דער רבי זאגט איהם, טראצדעם איזט מיינע מיינונג דו זאלסט דיר זוכען איין אנדער גוט. מיט דען איזט דער ר' ישראל שטערן אבגערייזט. מיט איינינע מאנאטע שפעטער האט דער רבי

בייא

ביא זיך געקלערט, דער ר' ישראל טהוש זיבער גארניכט געגן דען, דאס ער זאלל זיך איין אנדער גוט זוכן דען ער פערזיכערט איזט אין דיא ווארטער פאן זיין רבין, איך אבער קענגע גוט דען פריץ וויא אויך זיין זאהן, זא בין איך צו איהם געפארן — ערצעהלט דער רבי — אונד זאגע מייגע מיינונג אונד האב איהם צו פערשטעהן געגעבן, דאס עס געגן דען פערשטאנד איזט, דאס דער פריץ זאלל איהם דאס גוט ווייטער פערפאכטן. זא לאנגע האב איך איהם דאס ערקלערט, ביז ער האט מיר מודה געוועזן, דענן ער זעלבער איינגעזעהן האט, דאס איך רעכט האב, דענן דער זאהן פאן פריץ האט שאן זאגאר פערשידענע אקערמאשינען אונד אנדערע אינשטרומענטע געבראכט וואס מאן ברויך צו איינע גרויסע ווירטשאפט. עס וואר אבער שאן דאמאלס שפעט זיך צוא געהמען איין גוט צוא זוכען, זא האט איהם דער רבי געמאכט איין חשבון וויזא ער זאלל ווירטשאפטן. ער זאלל יעטצט פערקויפן אללע בהמות וויא אויך אללע צוגעהערע, וואס ער האט, ווירד ער דאפיר בעקאממען פיעל געלד, ביילייפיג כך וכך אונד זאלל זיך דינגען איינע דירה אין דעברעצין ביז עס ווירד זיך איהם טרעפן איין גוט צו דינגען. ער האט ריכטיג זא געטאהן, ער האט אללעס פערקויפט אונד איזט נאך דעברעצין. פאן דארט איזט ער דאנן געגאנגען זוכן איין נייעס גוט צו דינגען אונד יעדעסמאל, ווענן מאן האט איהם אנגעטראגן איין גוט, איזט ער איממער געקאממען דען רבין פראגן אב ער זאלל עס דינגען, אבער דער רבי האט ניכט מסכים געוועזן. איינמאל קאממט ער צום רבין דאס מאן האט איהם איין גוט אנגעטראגן אבער דאס גוט האבן שאן פיעלע לייטע געהאלטן אונד פערבויעט אבער זיא האבן ניכט געהאבט וואס צו שניידן אונד פיעלע זינד דאביא בדלות געווארדן דען דיא פעלדער זינד שלעכט. זאגט איהם דער רבי ווענן אסאך האבן געבויט, ברויך אסאך צו וואקסן, ער זאלל עס דינגען. ער האט עס ריכטיג געדינגען, אבער פיר וועם ער דאס ערצעהלט האט האט פאן איהם יעדער געלאכט, דען עס וואר אנערקאנט פיר איין שלעכט גוט. דער רבי האט איהם אבער געזאגט, איך קען גיט דאס גוט אונד

האט

האט איהם אויסגערעכנט, וואס ער זאל אנבויען אין דיא פעלדער. וויא עס איזט געקאממען דיא צייט פאן בויען האט אנגעפאנגען צו רעגנען אונד עס האט פארטוואהרענד גערעגנט, זא, דאס עס וואר ניכט מאגליך צו בויען, זא זינד איהם דיא גראססערע העלפט פעלדער אומבעארבייטעט געבליעבן. איזט ער געקאממען צום רבין מיט איין געוויין אונד זאגט רבי זאל דער רבי מיט מיר עטוואס מאכן, דען איך בלייב גאנצליך אהנע אללעס, איך ווערדע ניכטאמאל האבן דאס רענדעגעלד צוא בעצאהלן. זאגט איהם דער רבי, אז עס ווערט פריה ווינטער, ווערט פריה זומער. דיא וועסט פרידיאהר אנבויען גערשטן, עס קאממט פאר אצייט אז גערשטן איז טייערער וויא ווייטץ. וויא עס איזט געקאממען פרידיאהר וואר דיא צייט זעהר גונסטיג אונד שאהן אונד ער האט גערשטן אנ-געבויט אונד עס איזט ריכטיג זעהר גוט געלונגען אונד זעהר פיעל געוואקסן. האט דער רבי ערצעהלט, דאס דאמאלס יאהר האט מאן מיט צוויי גולדן מעהר געצאהלט פיר גערסטע אלס פיר ווייץ אונד דער ר׳ ישראל שטערן איזט איין גרויסער עושר געווארדן.

מיין אנקל, הרב החסיד המפורסם מוה״ר ישראל גינצלער זצ״ל ערצעהלטע פיר הרבני הנגיד והחסיד ר׳ אברהם מרדכי דייטש פאן היער דאס איינמאל איזט איינער געקאממען צום רבין פאן אומוויט פאן מישקאלץ אונד ערצעהלט פיר דען רבין דאס ער איזט שרעקליך פער-שולדעט אונד איזט געצוואונגען זיין הויז דורך ליציטאציאן צו פערקויפן. ער האטטע וואללן דאס זיין זאהן זאלל עס אבקויפן דאס ער זאלל ווייטער דארין וואהנען קעננען, אבער אין זיין נאכבארשאפט וואהנט איין פריץ אונד דער וויל דאס הויז אבקויפן. דער פריץ האט דאס איהם זאגאר פערזאנליך געזאגט. וועגן דאס זאלטע זא געשעהן, זא בלייבט ער אהנע פרנסה, דען אין דען הויז האט ער זיין געשעפטל געהאבט. אויך האט ער דען רבין ערצעהלט, דאס דער פריץ האט שוין אויסגעמאסטן וויא ברייט אונד וויא לאנג דאס הויז איזט. זאגט איהם דער רבי, דער פריץ ווירד ניכט קויפן, ער זאלל ניכט מורה האבן אונד ער איזט צוהויזע געפאהרן

געפאהרן מיט גראססע פריידע מיט דער הבטחה פאן רבין. אם טאגע דער ליציטאציאן, צופריה געדט דער פריץ מיט זיין הינטל שפאציערן אונד שפיעלט זיך מיט איהם. ער ציינט איהם עטוואס איין עססן, העבט אויף זיינע האנד אונד דער הונד שפרינגט נאך. זא האט ער עטליכעמאל אויפגעהאבן זיין האנד, דאמיט דער הונד שפרינגן זאל. וויא דער הונד איזט געשפרונגען אונד האט וואללן דאס עססן בייסן, האט ער דען פריץ אין דער דאנד ערין אבים געגעבן. ער געדט גראדע צום דאקטאר, דער דאקטאר הייסט איהם גלייך נאך ב׳־פעסט פאהרן, אבער זאפארט. ער איזט ריכטיג געפאהרן אונד קאננטע ניכט זיין ביא דער ליציטאציאן זא האט דער זאהן דאס הויז אבגעקויפט אונד זא איזט ער דארין געבליעבן.

הרבני החסיד ר׳ אברהם מרדכי דייטש ערצעהלט, דאס איינמאל קאממט צוא איהם אין גאסטהויז איין „דאטש״ ער וואר זעהר טרויריג, פראגט איהם ר׳ אברהם מרדכי ווארום ער זא טרויריג איזט, אנטווארטעט ער, דאס מיט איין פאר טאגע שפעטער ווירד ער זיך שמאדן, ער ווירד זיין יודישעם גלויבן אויף איין קריסטליכעם אומטוישן אונד ציינט איהם דיא זאמטליכע שריפטן דאצוא. פראגט ער איהם וואס ער מאכט היער ביים רבין, זאגט ער, בעפאר ער דיעזן שריטט מאכט, וויל ער נאך זעהן דען רבין, דענן ער האט איהם זעהר גערן. האט ר׳ אברהם מרדכי מיט איהם אנגעפאנגען צו שפרעכן, צו וואס דאס זאלל איהם, ער זאלל דאס ניכט טהון או.ז.וו. אנטווארטעט ער, ווענן הימל אונד ערדע זאללן זיך צוא־זאממען קאממען, מוסס ער עס אויך טהון, עס איזט ניכט מאגליך מאן זאלל איהם מעהר פאן זיינע מיינונג אבווענדן. דאנן איזט ער צום רבין געגאנגען. וואס דער רבי האט מיט איהם געשפראכן, וויססן וויר ניכט, נור וואנן ער פאן רבין צוריקגעקאממען איזט, וואר ער זעהר פראליך. פראגט איהם ר׳ א״מ, ווארום ער יעצט זא פריילעך איזט, אנטווארטעט ער איהם, זאגלייך וויא איך בין צום רבין אין צימער היריין געקאממען, איזט מיר גלייך מיין הערץ פערקערט געווארן אונד איך וויל מעהר

מיין

מיין גלויבן ניכטעמאל פיר דיא גאנצע וועלטס פערמאגען אומטוישן.

הנגיד ר׳ משה יוסף ממישקאלץ ערצעהלט מיר, דאס ער וויא אויך הנגיד ר׳ זאב וואלף מדאברא וואַרען ביא הה״ק מהר״י מבעלז זי״ע. ר׳ וואלף האט געהאבט איינע גראסע בקשה. נעמליך ער האט געקויפט איין וואלד פיר איין גראסען בעטראג. לויט זיינע בערעכנונג אונד וויא ער דען וואלד געשעצט האט וואר דאס ווערט, דענן עס וואר דארט האלץ צור שיפף־בויא וואס מאן גוט בעצאלט, אבער יעצט נאך דען קויף זעהט ער, דאס ער האט זיך געאיררט, דען עס איזט דארט זעהר וועניג האלץ צור שיפף־בויא געאייגנעט, זאנדערן פאסט אללעס איזט נור ברעננהאלץ אונד אויף ברעננהאלץ וואר דאס צו טייער. יעצט קאמט איהם אום זיין גאנץ פערמאגען צו צו צאהלען צום געשאפט. וויא ר׳ וואלף ערצעהלט זיין בקשה פיר דען בעלזער רבין זי״ע, אנטוואָרטעט ער איהם, ער זאלל פאהרען אום איינע עצה נאך קערעסטיר. זא איזט דער ר׳ וואלף מיט ר׳ משה יוסף בייזאממען פאן דארט גראדע נאך קערעסטיר געקאממען (דענן דער ר׳ משה יוסף וואר דאמאלס ביא ר׳ וואלף אנגעשטעללט.) זיא קאממען ביידע בייזאם צו רבנו אונד לעגען איהם פאר דיא בקשה. פראגט דער רבי, וויפיעל צאהלט מאן פיר זא איין ברעט, וואס מאן ניצט צור שיפף־בוי? זאגט ר׳ וואלף, פיר זאלכע צאהלט מאן פער שטיק לערך 100 קראנען. דאן פראגט איהם דער רבי ווייטער, וויפיעל געלד האסט דו געגעבען פיר דען וואלד? זאגט ער לערך 12000 קראנען. זאגט איהם דער רבי, ווען עס ווערדען זיין אין וואלד 1500 זאלכע ברעטער, וועלכע צור שיפף־בויא געאייגנעט זינד, ווירד דיין גאנצעס געלד גערעטעט זיין, אויסער דעם ווירד נאך זיין אים וואלד פיעל ברענהאלץ אונד זא ווירסט דו נאך פערדינען אויך. מיט דיעזע ווארטער האט איהם דער רבי ענטלאססען אונד געבענטשט. דאנן איזט ר׳ וואלף מיט ר׳ משה יוסף נאך הויזע געפאהרען. אים קורצען דארויף האט ער אנגעפאנגען אים וואלד ארבייטן צו לאססען אונד עס האט זיך הערויסגעשטעלט, דאסס עס וואַרען דארט גענויא זאפיעל שיפף־בויא־ברעטער, וויעפיעל דער רבי געזאגט האט. זא

האט

האט ער פיר דיא שיפף־בוי־ברעטטער דאס גאנצע קאפיטאל וואס ער איינגעשטעקט האט — זאממט ארבייטסלאהן אונד מאניפוליערונגס־קאסטען — הערויס בעקאממען אונד עס איזט איהם נאך געבליעבן פיעל ברעננהאלץ אלס ריינער נוטצן. זא האט ער לויט דעם רבינס ווארט גראססע הצלחה געהאבט.

# המשך יבא אי"ה בחלק ב'.

## פארטזעטצונג פאלגט אים צווייטען טייל.

בע"ה

# אמת'דיגע מעשיות

## פון צדיק יסוד עולם

# ר' ישע'לע קערעסטירער זצ"ל


כלילת יופי פאבלישינג

ברוקלין, נ. י.

שנת תשמ"א לפ"ק

בס"ד

# תולדות ומעשיות מהצדיק ר' ישעי'לע קרעסטירער זצ"ל

## פרק א'

דער גרויסער כלל און יסוד אין אונזער אמונה, אַז די בחירה איז פריי פאַר יעדען איינעם, זיך אויסצוקלייבען דעם וועג אין זיין לעבען, און אַז קיין אויסערלעכע זאַך באַשטימט נישט דעם וועג פון מענטש, קיין יחוס, קיין זכות אבות, נאָר זיין אייגענער ווילען, אויב ער איז גרייט צו האָראָווען, אויב ער איז גרייט צו קעמפען געגען יצר הרע, דעמאָלס איז דער וועג פאַר אים אפען ביז כל אדם יכול להיות כמשה, יעדער מענטש קען ערייכען די מדרגות פון משה רבינו ע"ה (חוץ אין נבואה).

דער יסוד ווערט פאַר אונז באַשטעטיגט ווען מיר פאַרטיפען זיך אין די ביאָגראַפיע פון דעם צדיק ר' ישעי'לע קרעסטירער זצ"ל. געבוירען געוואָרן ביי לכאורה פשוטע ערליכע עלטערן, נישט געשטאַמט פון קיין רבנישע אָדער רבישע דינאַסטיע, און דאָך

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

דערגאנגען צו די העכסטע שטיגען פון דער לייטער פון קדושה וטהרה אהבת ה׳ ואהבת ישראל ביז ער איז געוואָרן אַ קרוין פון זיין דור, אהוב למעלה ונחמד למטה, וואָס אויף איהם און זיין גלייכן זאָגט די שכינה כביכול בני אתה, ישראל אשר בך אתפאר.

אין יאָר תרי״א איז אין דאָרף זבארעוו נעבען ברדיוב געבוירען געוואָרען אַ אינעלע ביי אַ חסידישער איד מיט דעם נאָמען ר׳ משה שטיינער ע״ה און זיין פרוי מרת העניטשע מרים ע״ה, פון אויוון אויף איז עס געווען אַ קינד ווי אַלע קינדער, אין יענע צייטען זענען אלע אידישע קינדער ערצויגען געווארן צו תורה ומצות, און עס איז געווען דער וואונטש פון אַלע אידישע עלטערן אַז זייערע קינדער זאָלען אויסוואַקסען תלמידי חכמים ועובדי ה׳, אָבער די מעשים וואָס עלטערן האָבען געטאָן דאָס צו עררייכען זענען פאַרשטענדליך געווען פאַרשידען, נישט יעדער האָט די זעלבע השגה און דעם זעלבען כח און מסירת נפש, דאָס קינד ישעיהו איז געווען זיין נאָמען, איז געבוירען געוואָרען אין אַ שטוב ווי צדקות און עבדות ה׳ איז געווען דער העכסטער אידיאל, אַ חסידיש הויז וואָס

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

איז געווען באַאיינפלוסט פון די צדיקי הדור פון יענע צייט.

זייענדיג בלויז דריי יאָהר אַלט איז געשען אַ טראַגעדיע, זיין טאַטע איז נפטר געוואָרן, דאָס וואָלט געקענט ווירקן אויף דעם צוקומפט פון ישעי׳לען, און צושטערן זיין וואַקסען, אָבער דער אבי יתומים האָט רחמנות געהאַט אַז עס זאָל נישט פאַרלוירען ווערען פון דור אַזאַ אוצר נפלא, האָט ער ית״ש געגעבן כח און דעת פאַר דער מאַמען, וואָס איז געווען אַליין אַ גרויסע צדיקת און בעלת דעת, צו נעמען אין אירע הענט די צוקומפט פון איר קינד, זאָרגען סיי פאַר זיין פיזישען סיי פאַר זיין גייסטיגען וואוילזיין.

ווען ישעי׳לע איז אַלט געוואָרען צוועלעף יאָר, האָט די מאַמע באַשלאָסן אים מער נישט צו האַלטן אין דאָרף, זי האָט אים אויף אירע פלייצעס געפירט צו דעם וועלט באַרימטן צדיק דעם ליסקער רבי׳ן זי״ע, מיט טרערען אין די אויגען האָט זי איבערגעלאָזט איר באַליבט קינד ביי דעם צדיק מיט דער האָפענונג אַז דארט אונטער די השפעה פון

צדיק יסוד עולם, וועט ער שטייגען אין לימוד התורה ויראת שמים.

נאָך אַ קורצע צייט זייענדיג אין ליסקע האָט דער צדיק באַשלאָסן צו שיקען ישעי׳לען אין אַ ישיבה קיין סעמיהאל, ווי ער האָט געלערנט מיט התמדה אַרום אַ האַלב יאָר, שוין דען אין זיין פריירסטער יוגענד איז ישעי׳לע באַקאַנט געוואָרען אַלס אַ קינד אַ בעל מדריגה, אידען פון סעמיהאל פלעגען דערציילען אין נאָמען פון זקנים וואָס האָבען נאָך געדענקט אַז מען פלעגט דעם קליינעם ישעי׳לען געבען געלט אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר קראַנקע און מען איז געהאָלפען געוואָרען דורך זיינע תפילות, דען דערציילט אַז אין מאַרק טאָג פלעגען סוחרים בעטען ישעי׳לען צו שטיין נעבען זייער געשעפט ווייל דאָס האָט געברענגט הצלחה, מען דאַרף געדענקען אַז דאָס איז געוועזן נאָך בעפאָר זיין בר מצוה.

מיר ווייסען נישט די פינקטליכע סיבות, אָבער נאָך אַ האַלב יאָר פאָרט ישעי׳לע צוריק קיין ליסקע, עס זעט אויס אַז דער קשר רוחני פון דעם הייליגען

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

רבי׳ן און זיין געטרייען תלמיד איז געווען צו גרויס אַז זיי זאָלען קענען בלייבען אַ לאַנגע צייט ווייט איינער פון אַנדערן. ישעי׳לע זיצט אין ליסקע עטליכע יאָר על התורה ועל העבודה, שטיל באַשיידען איז ער עוסק אין זיין הייליגע עבודה, אַזוי אַז קיינער באַמערקט אפילו נישט וואָס פאַר אַ אור גדול באַהאַלט זיך דאָרט, בלויז דעם צדיק׳ס גענויטע אויגען זעען, או זיין האַרץ קוועלט פון שמחה, זעענדיג די הויכקייטען צו וועלכע דער יונגער ישעי׳לע קלעטערט.

דער ליסקער רבי זצ״ל זעענדיג דאָס גרויסקייט פון ישעי׳לען, באַשליסט אים נאָך מער צו דערנענטערן צו זיך, ער נעמט אים אַריין אין זיין חדר מיוחד, ישעי׳לע ווערט זיין משמש בקודש, ער באַדינט דעם רבי׳ן מיט גרויס איבערגעגעבנהייט, דער רבי איז מיט אים ממתיק סוד, אַלע באַהאַלטענע ענינים זענען פאַר אים אָפען, יעדער טאָג אין רבינ׳ס חדר איז פאַר ישעי׳לען אַ נייע איבערלעבונג, ער שעפט מדריגות מיט פולע קאנען, דער קשר רוחני צווישן רבי׳ן און תלמיד איז אַ אויסערגעוועהנליכער,

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

קיינער פון די חסידים און מקורבים באַגרייפט נישט וואָס דאָ גייט פאָר, אָלע זענען מקנא ישעי׳לען וואָס די טיר איז פאַר אים שטענדיג אָפען, אפילו ווען קיינער ווערט צום רבי׳ן נישט צוגעלאָזט, גייט אָבער ישעי׳לע אַריין און אַרויס פריי.

דאָס דאָזיגע התקרבות האָט נאַטירליך אַרויסגערופען קנאה ביי אַנדערע חשובי חסידים, בפרט ביי דעם רבינ׳ס קינדער, וועלכע האָבען אָנגעהויבען מיט אַלע מיטלען צו רודף׳ן ישעי׳לען, אָבער אַ מחלוקת קען נאָר געפירט ווערען פון צוויי צדדים, ווי די וועלט זאָגט איין שטיקעל האָלטץ ברענט נישט. ישעי׳לע מיט זיין הייליגע עניוות האָט אפגעענטפערט מיט אהבה און פריינטשאַפט צו אַלע רודפים, ער האָט אַלעמען גאָר געטאָן טובות וחסדים. מען דערציילט אַז איינמאָל איז די רעבעצין מיט גרויס פאַרדרוס אַריין צום רבי׳ן און גע׳טענה׳ט: איך פאַרשטיי דיך נישט! ישעי׳ע איז דיין ווייב, ישעי׳ע איז דיין קינד, אַלעס ביי דיר איז נאָר ישעי׳ע! דער רבי האָט פאַרמאַכט די אויגען, און מיט גרויס דביקות געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ: יאָ יאָ נאָר ישעי׳ע...

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

כאָטש ישעי׳לעס פּאָזיציע ביים ליסקער רבי׳ן איז געווען זייער אַ חשוב׳ע, וואָס יעדער האָט אים מקנא געווען, האָט אָבער זיין געטרייע מאַמע, ווען זי האָט אָפּגענומען גרוסען פון איר זון, זיך ממש דערשראָקען, וואָס הייסט! זי האָט איר ישעי׳לען געשיקט לערנען תורה, און צום סוף איז ער גאָר מבטל צייט, מיר שטייען באַגייסטערט פאַר די השגות פון אַן אַמאָליגע אידישע מאַמע, אַ אָרימע אלמנה, טראַכט נישט פון קיין שום מאַטריאַלע חשבונות, נאָר תורה און נאָכאַמאָל תורה, וואָס דאָס איז ביי איר די בעסטע סחורה... ווי די גמרא זאָגט: כל חפצך לא ישוו לה, אפילו חפצי שמים, דאָס הייסט: אַז קיין זאַך קען זיך נישט פאַרגלייכען מיט דעם זכות פון לערנען תורה, אפילו נישט מצות און מעשים טובים.... געוואָלד! ווי נעמען מיר היינט אַזעלכע השגות.

די מאַמע באַשליסט צו פאָרען צום רבי׳ן כדי מברר זיין וואָס איר זון טוט, און צו איז ער חס וחלילה נישט מבטל די צייט, עס איז געווען אין חודש אלול, דעכר רבי פלעגט דעמאָלס נישט נעמען קיין קוויטלעך פון פרויען און נישט אָנגענומען זיי,

אָבער מיט ישעי׳ס מאַמען האָט מען געמאַכט אַ אויסנאַם, ווען זי איז אַריין אין רבינ׳ס צימער, האָט דער רבי צו אַלעמענס ערשטוינונג זיך אויפגעשטעלט מלא קומתו פאַר איר, זאָגענדיג מיט גרויס פריינדשאַפט: אָה, דאָס קאצעל קומט, ישעי׳עס מאַמע איז דאָ! — מיט גרויס געוויין גיסט זי אויס איר ביטער האַרץ פאַר דעם רבי׳ן, וואָס וועט ווערען פון איר זון? איז דען דאָס געווען דער צוועק פאַרוואָס זי האָט אים געברענגט קיין ליסקע? תורה מה תהא עלי׳2 ווען וועט איר זון לערנען תורה? — דער רבי באַרואיגט איר, ער איז איר מסביר דאָס גרויסקייט פון איר זון, זיין הייליגע נשמה, זי דאַרף גאָרנישט זאָרגען, ער איז חס וחלילה נישט מבטל זיין צייט, פאַרקערט, יעדע מינוט אין טאָג איז געהייליגט ביי אים צו תורה עבודה און גמילות חסדים, די מאַמע פאָרט אַהיים אַ באַרואיגטע און גליקליכע.

דעם ענין פון „משמש תלמידי חכמים״ האָט ישעי׳לע מקיים געווען מיט דעם גרעסטען שלימות, אַלע ענינים פון צדקה וחסד פון רבי׳ן זענען דורכגעגאַנגען דורך זיינע הענט, ווער עס האָט

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

געהאַט אַ גרעסערע בקשה צו בעטען ביים רבי׳ן איז פריער געגאַנגען צו ישעי׳ען, דער רבי האָט געהאַט דעם פולען צוטרוי צו זיינע המלצות, עס האָט פיל מאָל געטראָפען אַז דער רבי האָט נישט געהאַט גענוג געלט פאַר אַ עניין נחוץ, דאַן האָט ישעי׳לע אַליין דאָס מסדר געווען. באַזונדערס האָט ער זיך משתדל געווען פאַר אָרימע קינדער יתומים, ער פלעגט פאַר זיי קויפען קליידער, שיך, צאָלען שכר לימוד, אפילו אַליין וואַשען זייערע וועש.

עס ווערט דערציילט: איינמאָל איז געקומען אַ אָרימע אלמנה, געזעסען אין רבינ׳ס פאָרצימער און ביטער געוויינט, ישעי׳לע פרעגט זי מיט רחמנות, וואָס איז אייך? — דריי וואָכען אַרום איז באַשטימט געוואָרען די חתונה פון מיין טאָכטער, איך דאַרף צו שטעלען דעם נדן, אויב נישט קען חס וחלילה ווערען אויס שידוך, און איך האָב קיין פרוטה! — וויפיל איז דער סכום, פרעגט ישעי׳לע — דריי הונדערט ראניש — ענטפערט די אלמנה. ישעי׳לע האָט זי אפילו נישט אַריינגעשיקט צום רבי׳ן, ער האָט איר די גאַנצע סומע געגעבען מיט תשואות חן, עטליכע מינוט שפעטער עפענט דער רבי די טיר פון זיין חדר

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

מיוחד און זאָגט: ישעי׳ כאַפּסט מיר שוין אויס מיינע געשעפטען!

אויך אין גמילות חסדים, באָרגען געלט פאַר סוחרים יורדים וואָס האָבען געהאַט שווערקייטען אין געשעפט, האָט זיך ישעי׳לע אויסגעצייכענט, שטילערהייט קיינער זאָל נישט וויסען, און דער בעטרעפענדער זאָל זיך נישט פילען פאַרשעמט, האָט ישעי׳לע אַרויסגעבאָרגט גרויסע סכומים. עס האָט זיך געטראָפען אַז דער לוה האָט נישט געקענט באַצאָלען, אָבער ישעי׳לע האָט אים נישט געמאָנט און נישט פאַרשעמט, ער האָט אין שפּעטערע יאָרען ווען ער איז שוין געווען אַ רבי מפורסם, דערציילט איינמאָל ביי אַ מלוה מלכה, אַז איינמאָל האָט ער אַוועקגעבאָרגט פאַר אַ סוחר אַ גרויסע סומע, דער סוחר איז געווען פון די חשוב׳ע ליסקער חסידים, ער האָט אָבער נישט מצליח געווען, ער האָט פאַרלוירען דאָס גאַנצע געלט, ער האָט זיך געשעמט צו קומען קיין ליסקע, נישט צו באַגעגענען דעם משמש בקודש ר׳ ישעי׳לען, אָבער אַז ס׳איז שוין דורך אַ לענגערע צייט האָט דער חסיד זיך מער נישט געקענט איינהאַלטען, ער איז געקומען קיין ליסקע, דער רבי

פרעגט אים, ווי איז ער געווען די גאַנצע צייט, דער איד דערציילט דעם גאַנצען אמת, איך בין אַ גרויסער בעל חוב צו ר׳ ישעי׳לען, האָב איך זיך געשעמט צו קומען, — האָט דער רבי אַריינגערופען ר׳ ישעי׳לען, און געפרעגט: וואָס ווילסטו בעסער איך זאָל דיר באַצאָלען דעם חוב, אָדער לאָמיר דאָס לאָזען צו השי״ת ער זאָל דיר באַצאָלען? ר׳ ישעי׳לע האָט פיל נישט געטראַכט, נאָר געענטפערט: השי״ת האָט געגוג, זאָל ער מיר באַצאָלען, — און אַזוי איז טאַקע געווען, השי״ת האָט אַלעס באַצאָלט, — האָט דער רבי געענדיגט די געשיכטע.

עס האָט פּאַסירט, אַז דער ליסקער רבי האָט אויסגעפונען אַז אַ געוויסער חסיד איז שולדיג געבליבען פאַר ר׳ ישעי׳לען אַ גרויסען סכום, האָט דער רבי באַפוילען אַז צוויי חשוב׳ע חסידים זאָלען מיט ר׳ ישעי׳לען מיטפּאָרען צו דעם חסיד איינמאָנען דעם חוב, ר׳ ישעי׳לע האָט אָבער מורא געהאַט, אפשר האָט יענער נישט דאָס געלט, און ער וועט ווערען פאַרשעמט, האָט ער זיך מקדים געווען, און געשיקט יענעם דעם גאַנצען סכום, כדי ער זאָל האָבען מיט וואָס צו באַצאָלען...

# פרק ב

די באַציאונג פון ליסקער רבי׳ן צו דעם עלטערן בחור ישעי׳לע האָט אַרויסגערופען ביי אַלעמען גרויס באַוואונדערונג, חסידים פרעגען פאַרוואָס טוט ער נישט קיין שידוך? „פאַר מיין ישעי׳ האָב איך נישט קיין מורא״ ענטפערט דער רבי. דעסטוועגען איז דער ענין פון ישעי׳לעס חתונה געלעגען אויף דעם רבי׳נס האַרץ, ווי ער האָט זיך אויסגעדרוקט בעפאָר זיין פטירה: פאַר צוויי זאַכען וויל איך נאָך בלייבען אויף דער וועלט, ענדיגען דאָס בויען פון בית המדרש, און חתונה צו מאַכען מיין ישעי׳ן.

די אָפשאַצונג וואָס דער רבי האָט אָפּעשאַצט ישעי׳לען האָט אויך אַרויסגערופען ערשטוינונג ביי אַלעמען, ווייל ווער נאָך ווי דער רבי איז געווען אַ מבין אויף די מעלות און מדריגות פון זיין משמש, — ווען ישעי׳ע טיילט בילקעס, קומט אַריין אַ ברכה — פלעגט דער רבי אָפט זאָגען, און דאָס איז נישט געווען סתם אַ ווערטל, ביי ישעי׳לען איז דאָס טיילען עסען פאַר חסידים געווען אַ עבודת הקודש, וואָס ער האָט געטאָן בדחילו ורחימו, דער צדיק וקדוש פון

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

נאָנאַש בעל אפסי ארץ זצ״ל, פלעגט זאָגען: ווען ישעי׳ האָט געטיילט בילקעס אין ליסקע האָב איך שוין דערקענט אויף אים אַז ער וועט זיין אַ רבי.

ווען דער ליסקער רבי איז שוין געווען אויף זיין קראַנקען בעט בעפאָר זיין פטירה, האָט ישעי׳לע געוויינט רבי רבי! וואָס וועט זיין מיט מיר? ענטפערט דער רבי: פאַר דיר זאָרג איך נישט, דיך קען מען אויף דער גאַנצער וועלט, וועסט דאַרפען חתונה האָבען, זאָלסט פאָרען אין סאַטמאַרער געגענט! — שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען דער רוח הקודש אין די לעצטע ווערטער פון רבי׳ן.

די פטירה פון זיין רבי׳ן האָט אים שטאַרק צובראָכען, סוף כל סוף איז זיין נפש רוח ונשמה געווען מיט טויזענטער פעדעם פאַרבינדען צו זיין רבי׳ן, אָבער ביי צדיקים איז דער קשר אַ גייסטיגער אַ נשמה׳דיגער, וואָס מיט די קערפערליכע צושיידונג ווערט עס נישט צושטערט, ישעי׳לע איז ווייטער געבליבען מקושר צו זיין רבי׳ן אין גן עדן, ווי מ׳יר קענען לערנען פון דער וואונדערליכע מעשה וואָס איז געשען גלייך נאָך דעם רבי׳נס פטירה.

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

ווי אויבען דערמאנט איז דער ליסקער רבי נפטר געוואָרען ווען מען האָט געהאַלטען אין מיטען בויען זיין בית המדרש, דער רבי האָט געהאַט חסידים אין פאַרשידענע שטעט אין אונגאַרען, וואָס האָבען מנדר געווען פאַרשידענע בוי מאַטריאלען פאַר דעם בית מדרש, און ווען דער רבי איז נפטר געוואָרען, האָט מען נישט געוואוסט, ועמען צו מאָנען די נויטיגע מאַטריאַלען, איין פרימאָרגען קומט ר׳ ישעי׳לע צו לויפען צום רבי׳נס איידעם, זאָגענדיג: דער רבי איז מיר געקומען צו חלום, אַז איך זאָל דיר זאָגען אַז מען דאַרף פאָרען קיין בודאַפעסט איינצומאָנען דאָס האָלץ און דעם שלחן, וואָס עס האָט מנדר געווען אַ געוויסער „מאָדערנער״ מענטש. דער איידעם האָט זיך פשוט אויסגעלאַכט, עס איז אַ פוסטער חלום! גיי זוך אין בודאַפעסט אַ מאָדערנעם מענטש... אָן אַן אַדרעס...! — אָבער ר׳ ישעי׳לע מיט זיין גרויס אמונת צדיקים, מיט זיין גרויס דביקות אין זיין רבי׳ן האָט געפילט אַז דאָס מוז האָבען אַ באַדייטונג, ר׳ ישעי׳לע פוילט זיך נישט, ער פאָרט צו אַלעמענס באַוואונדערונג קיין בודאפעסט. ער איז זיכער אַז השי״ת וועט מצליח זיין זיין וועג, און ער וועט

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

געפונען דעם מענטש. אונקומענדיג קיין בודאַפעסט, גלייך ווי ער שטעלט אַראָפ זיינע פיס פון דער באַן, באַגעגענט אים אַ איד, אַ מאָדערנער איד אָן באָרד און פיאות, און באַגריסט אים מיט אַ ברייטן שלום עליכם, ער פרעגט אים: זייט איר אפשר ר׳ ישעי׳לע פון ליסקע? — יאָ — קומט דער ענטפער, דער איד כאַפט זיך אַרום מיט אים מיט גרויס שמחה, און זאָגט: איך מוז אייך דערציילען אַ מעשה פלא, די נאַכט איז דער ליסקער רבי מיר געקומען צו חלום און געפרעגט צו איך האָב פאַרגעסן מיין נדר צום בית מדרש, או װער האָט געזאָגט אַז איר וועט היינט קומען, ער האָט מיר אויסגעמאָלען אין חלום ווי איר זעט אויס, אַז איך האָב אייך באַלד דערקענט... דער איד האָט באַצאָלט זיין נדר. און אויך ר׳ ישעי׳לעס שפעזען פון די רייזע, און ער איז מיט גרויס שמחה אַהיימגעפאָרען קיין ליסקע.

נאָך דעם ליסקער רבי׳נס פטירה פאָרט ר׳ ישעי׳לע קיין צאנז, דאָס התקרבות וואָס דער דברי חיים זי״ע האָט אים אַרויסגעוויזען איז געווען אין לשער. מען דאַרף געדענקען אַז ר׳ ישעי׳לע איז דעמאָלט געווען נאָך אַ בחור, אַ משמש, פון אַ

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

פשוט׳ע משפחה, אָבער אין צאנז איז חשיבות געמאָסטען געוואָרען מיט אַנדערע געוויכטען ווי ביי רוב מענטשען... דער הייליגער צאַנזער רב האָט באַלד דערשפירט ווער דער בחור איז, די קדושה און באַהאַלטענע פרישות איז געווען ענטפלעקט פאַר דעם צאנזער רב, דער מנהג פלעגט זיין אַז יעדען אָווענט נאָך מעריב ווען דער רב זי״ע איז אַריין געקומען פון בית המדרש, פלעגען די חשוב׳ע געסט רבנים גדולים און חסידים ואנשי מעשה גרויסע גבירים בעלי צדקה צו וואַרטען אין פאָרצימער און אַ טייל פון זיי זענען איינגעלאַדענט געוואָרען צו עסען וועטשערע (נאַכטמאָל) מיט דעם רב. ווען דער צאַנזער רב איז דורכגעגאַנגען דעם פאָרצימער זאָגט ער: ישעי׳ קום צו די וועטשערע! די רבנים וואָס האָבען נישט געקריגען קיין איינלאַדונג האָבען געבעטען ר׳ ישעי׳לען זיי אַרויסברענגען שיריים פון הייליגן רב. מען האָט אַריינגעברענגט צוויי טעלער קאַשע, איינס פאַר דעם רב, איינס פאַר ר׳ ישעי׳לען, די קאַשע איז געווען זייער הייס, דער רב האָט שנעל געגעסען מיט גרויס דביקות, ר׳ ישעי׳לע האָט קוים געקענט אָנהייבען צו עסען, ווען דער האָט שוין

געענדיגט, דאָ נעמט דער רב און רוקט צו ר׳ ישעי׳לעס טעלער און זאָגט צו אים: לאָמיר עסען צוזאַמען, און פון דעם וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזט האָט ער געטיילט שיריים פאַר די איבעריגע געסט.

איין מאָל איז ר׳ ישעי׳לע אונגעקומען ערב שבת קיין צאנז, באַלד ביים שלום נעמען פרעגט אים דער רב: ישעי׳ האָסטו עפּס געלט? יאָ – ענטפערט ער. גיב אַהער! זאָגט דער צאַנזער רב, ר׳ ישעי׳לע האָט אַרויסגענומען זיין בייטל און אויסגעלערט, דער צאַנזער פרעגט אים האָסטו נאָך? און אַזוי האָט ר׳ ישעי׳לע אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ געלט ביז די לעצטע פּרוטה, עס האָט אויסגעמאַכט אַ גרויסע סומע אַרום זעקס הונדערט ריינישׁ, נאָך ליכט צינדען האָט דער רבי געהאַט אַ מנהג צו בענטשען די קינדער און אייניקלעך, האָט ר׳ ישעי׳לע זיך אויך אַריין געשטיפּט און מקבל געווען אַ ברכה, איז דאָרט געווען אויף שבת אַ אייניקעל פון אַ גרויסען רב, האָט ער אויך געוואָלט אַז דער רבי זאָל אים בענטשען, דער רבי האָט נישט מסכים געווען פרעגט

ער פאַרוואָס האָט דער רבי געמאַכט אַ אויסנאַם מיט דער בחור, ווייזענדיעג אויף ר׳ ישעי׳לען, ענטפערט דער הייליגער רב מיט התעוררות: דער בחור האָט מיר געגעבען זעקס הונדערט רייניש און איך האָב מיט דעם מחיה געווען כמה וכמה אלמנות ויתומים, און אים איז נישט געבליבען אפילו איין פרוטה! .

אויך דער גאָרליצער רב זצ״ל דען זון פון דברי חיים האָט זיך באַצויגען צו ר׳ ישעי׳לען זייער מיט גרויס חשיבות, ער פלעגט זאָגען: פאַר ישעי׳עס צדקה האָט מען אין הימעל אויך דרך ארץ.

# פרק ג

כדי צו האָבן אַ שטיקעל באַגריף פון דער מדריגה אין קדושה צו וועלכע ר׳ ישעי׳לע איז דערגאַנגען, איז כדאי איבערצוגעבען זיינע אייגענע ווערטער, וואָס זייענדיג שוין אַן עלטערער בחור, האָט ער געזאָגט בזה הלשון: גלויבט מיר ווען עס וואָלט נישט געשטאַנען אין דער תורה אַז מען דאַרף חתונה האָבען, וואָלט איך בכלל נישט חתונה געהאַט! נו, אָבער וויבאַלד די תורה הק׳ הייסט דאָך יאָ חתונה האָבען, האָט ר׳ ישעי׳לע געפאָלגט זיין רבינ׳ס עצה, געפאָרען אין דער געגענט פון סאטמאר, ווי ער האָט טאַקע געפינען זיין באַשערטע רבי׳צען, וואָס איז

געוואָרען זיין געטרייע לעבענס באַגלייטערן פאַר בערך פופציג יאָר, און וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען חלק אין אַלע מצות ומעשים טובים צדקה וחסד וואָס זיי האָבען געטאָן זייער גאַנץ לעבען.

שרה איז געווען דער נאָמען פון דער כלה, זי איז געווען די טאָכטער פון אַ בעל־בתי׳שען איד אַ חסיד ומוקיר רבנן ר׳ יצחק יונה, כאָטש דער איד איז געווען אַ סוחר אַ מעקלער, איז ער אָבער געווען אַ גרויסער בעל מדריגה און צדיק נסתר, עס איז בודאי נישט בחינם וואָס ער האָט זוכה געווען מגדל צו זיין אַ טאָכטער אַזאַ צדיקת, און האָבען אַן איידעם וואָס האָט פאַרשיינט די וועלט מיט זיין צדקות.

ר׳ יצחק יונה׳ס הויז איז געווען אָפען פאַר אורחים בייטאָג און ביינאַכט, עסען טרינקען און שלאָפען פאַר יעדען וואנדערער, און אַלעס איז געטאָן געוואָרען מיט גרויס ליבשאַפט און איבערגעבענהייט צו מאַכען פילען יעדען גאַסט היימיש, כאָטש ר׳ יצחק יונה איז געווען ווייט פון זיין אַ גביר, דאָך האָט ער יעדען אָרימאַן צוגעגעבען אַ ברייטע נדבה ווי עס פאַסט פאַר אַ גרויסען עושר, ווער שמיסט ווען דער גאַסט איז געווען אַ בנן של קדושים אַ רבי״ש אייניקעל דאַן איז ר׳ יצחק יונה

און זיין בני בית אינגאַנצען אַרויס פון די כלים אים צו באַדינען מיט דעם גרעסטען כבוד.

וועגען אַזאַ פאַל ווערט דערציילט, איינמאָל איז ביי ר׳ יצחק יונה׳ן איינגעשטאַנען אויף שבת אַ ליזענסקער אייניקעל, זונטאג וויל דער גאַסט ווייטער פאָרען נאָך געלט, זאָגט צו אים ר׳ יצחק יונה: וויפיל אַ שטייגער דענקט דער רבי צו מאַכען די וואך? צען ראניש – קומט דער ענטפער, ווייסט איר וואָס שלאָגט פאָר ר׳ יצחק יונה, בלייבט ביי מיר איבער די וואָך און איך וועל אייך געבען די סומע, דער רבי איז מסכים, ער בלייבט ביי אים און זיצט על התורה ועבודה אַ גאַנצע וואָך ביז אָבער נעקסטען שבת, בעת אַלע אין הויז באַדינען אים מיט כבוד, נאָך שבת חזר׳ט זיך אָבער דער זעלבער שמועס דער רבי קען נישט אָפזאָגען זעענדיג די מסירת נפש פון גאַסט געבער, כאָטש ער זעט זיין אָרימקייט, נישט פאַרשטייענדיק פון ווי ער טראַכט אים צוצושטעלען די סומע געלט, אַזוי געשעט אויך דעם דריטען שבת, ר׳ יצחק יונה בעט זיך פשוט ביים גאַסט אים צו טאָן די טובה, און בלייבען אין זיין הויז נאָך אַ וואָך, ער

זאָל גאָרנישט זאָרגען, ער וועט אים באַצאָלען פינקטליך וואָס ער וואָלט געקענט מאַכען. נאָך דעם שבת האָט דער גערזען אַז מער קען ער שוין נישט בלייבען, ער מוז זיך אומקערען אַהיים צו זיין משפחה, זעענדיג דעם מצב ביי דעם בעל הבית, באַשליסט ער אַהיים צו פאָרען אפילו מיט גאָרנישט, דער בעל בית איז אַ צדיק גמור ער וויל נעבען אים מהנה זיין אָבער ער קען נישט, ער האָט אים מוחל געוועזן פאַר זיין אויפהאַלטען אים, אָבער ר׳ יצחק יונה איז געוועזן פול מיט בטחון אַז השי״ת וועט העלפען און ער וועט נישט שולדיג בלייבען ער וועט קענען מקיים זיין די הבטחה, זונטאג אינדערפרי קומט פלוצלינג אַ פריץ און בעט ר׳ יצחק יונה׳ן אים צו קויפען וויין, ר׳ יצחק יונה איז געוועזן אַ מעקלער ער נעמט אים צו עטליכע וויין קעלערן, דער פריץ קויפט איין מיט צופרידענהייט ער באַצאָלט ר׳ יצחק יונה׳ן זיין קאָמיסיאָן, וואָס באַטרעפט פונקטליך די סומע וויפיל ער האָט געדאַרפט געבען צו דעם ליזענסקער אייניקעל.

דער ר׳ יצחק יונה איז ווייזט אויס גאָרנישט געוועזן אַ פשוט׳ער מענטש, ווען ער האָט געוואוינט

# מעשיות מהצדיק ר' ישעי'לע קרעסטירער זצ"ל

אין מאד האָט ער עטליכע יאָר נישט געגעסען פון דער שחיטה פון אַ געוויסען שוחט, כאָטש דער שוחט איז געווען אויסערליך אַ ערליכער איד און עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלען אַז עפעס איזמיט אים נישט גלאַט, יאָרען שפעטער איז שוחט אַרויס לתרבות רעה, ווען דער מרא דאתרא האָט געפרעגט ר' יצחק יונה'ן וואָס ער האָט אויף אים געזען, האָט ער געענטפערט: ער האָט איינמאָל מבטל געווען טבילה ווען ער האָט באַדאַרפען... אַזוי איז געווען זיין הרגשה און השגה.

ר' יצחק יונה איז געווען אַ איידעם ביי אַ באַוואוסטן חסיד וצדיק וועם מען פלעגט רופען ר' ישעיה כהן גדול. דעם טעם פאַר דעם צונאָמען נעמט זיך פון אַ אינטערעסאַנטע מעשה, אין קריסטיר האָט פאַר אַ לאַנגע צייט נישט געקענט וואוינען אַ כהן, ווען עס האָט זיך דאָרט באַזעצט אַ כהן, האָט ער ל"ע נישט מוציא שנתו געווען, זענען די ראשי הקהל געפאָרען צום בעל ישמח משה זי"ע פרעגען אַ עצה, האָט ער זיי געשיקט ר' ישעי' כהן גדול ער זאָל זיך באַזעצען אין קריסטיר, זייט דעמאָלסט איז מער קיין מכשול נישט געווען מיט כוהנים.

פון אַזאַ הויז דורכגעווייקט מיט תורה קדושה וחסד האָט אונזער ר' ישעי'לע גענומען זיין זיווג,

שרה האָט געירש׳נט פון אירע עלטערן די בעסטע מעלות ומדות, איר לעבן איז געווען איין לאַנגע קייט פון מצוות ומעשים טובים, איר גרויסקייט סיי אין מצוות שבין אדם למקום סיי אין מצוות שבין אדם לחבירו אין אין לשער, איר חכמה איז געווען באַוויסט צווישן טויזענטער און טויזענטער אורחים וואָס זענען דורך זייער שטוב. אויך איר פלייסגיקייט און אַרבייטזאַמקייט איז געווען אַ שם דבר, בייטאָג און ביינאַכט פאַרנומען מיט חסד, ווי דער פסוק זאָגט; טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה...

דעם שבת בעפאָר די חתונה איז ר׳ ישעי׳לע געפאָרען צו דעם צדיק וקדוש ר׳ מרדכי׳לע נאַדווערנער זי״ע, דער וואונדערליכער צדיק וואָס זיין אָפענער רוח הקודש איז געווען מפורסם אין דער וועלט האָט אַרויסגעוויזען גרויס התקרבות צו דעם חתן, ער האָט אין אים געזען דעם יורש און ממלא מקום פון ליסקער רבי׳ן זצ״ל, אויף פאַרשידענע אופנים האָר ר׳ מרדכי׳לע זיך משתדל געווען מסמיך צו זיין און מפרסם צו זיין ר׳ ישעי׳לען צווישען חסידים, זענדיג אין אים אַ אור גדול וואָס דאַרף באַשיינען די וועלט. בעפאָר מען האָט ר׳ ישעי׳לען אויפגערופען צו די תורה, רופט אויס ר׳ מרדכי׳לע לפני כל עם ועדה: דו האָסט נישט

ווער עס זאָל דיך באַוואַרפען, וועל איך באַוואַרפען מיט חסדים.

# פרק ד

נאָך דער חתונה האָט זיך רבינו ר׳ ישעי׳לע באַזעצט אין ליסקע; דאָס איז געווען די נאַטירליכסטע זאַך, דאָרט איז ער אויסגעוואַקסן, דאָרט האָט ער קונה געווען זיין שלימות, דאָרט האָט ער געהאַט פיל פאָרערערס וועלכע האָבען אים געקענט און געוואוסט וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, דאָרט האָט מען גדעדענקט די ליבשאַפט פון פריערדיגען צדיק צו אים, און די אַלע ווערטער וואָס ער האָט אויף אים געזאָגט בחיים חיותו. ממילא האָט אַ פנימיות׳דיגע שמחה אַרומגענומען פיל חסידים פון ליסקע ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט אַז רבינו האָט זיך דאָרט באַזעצט, בפרט ווען פיל צדיקי הדור צווישען זיי דער דברי חיים דער יטב לב ר׳ מרדכי׳לע נאדווערנער דער שינעווער רב זכר כולם לברכה האָבן אים מסמיך געווען צו זיין אַ רבי און פירען אַ עדה.

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

דאָס באַזעצען פון רבינו אין ליסקע האָט אָבער אַרויסגערופען אויך אַנדערע געפילען, אין ליסקע האָבען געוואוינט די קינדער פון פריערדיגען צדיק, זיי האָבען געזען אין רבינו׳ס באַזעצען זיך אין „זייער״ שטאָט אַ קאַנקורענץ, און ווי געוועהנליך האָט זיך געשאַפען אַ צד פון מתנגדים געגען רבינו. וואָס כאָטש ער איז געווען דאָס גוטסקייט אַליין, און ער האָט חס וחלילה נישט געוואָלט אַז עס זאָל ווער עס איז דורך אים ליידען, און ער איז אַנטלאָפען פון מחלוקת ווי פון פייער, דאָך האָט זיין עצם אָנוועזענהייט אין ליסקע אַרויסגערופען בייז בלוט פון קנאה ושנאה רח״ל. און מען האָט אָנגעהויבען צו רודפ׳ן רבינו מיט כל מיני רדיפות.

רבינו ווי אַ איש שלום ואמת איז געפאָרען קיין צאנז פרעגען אַ עצה ביים הייליגען דברי חיים זי״ע וואָס זיין עצה איז געווען כאשר ישאל איש בדבר אלקים! דער צאנזער רב אויסהערענדיג די שאלה, ענטפערט בזה הלשון: בלוט זאָל זיך גיסען און אין ליסקע זאָלסטו בלייבען! שפעטער אַז די רדיפות האָבען נישט אויפגעהערט פאָרט רבינו קיין סיגעט צום בעל ייטב לב זצ״ל, ער דערציילט אים אַז ער

קען נישט אויסהאַלטען פון די רודפים, זאָגט אים דער ייטב לב ער זאָל זיך באַזעצן אין אַ אַנדערע שטאָט, רבינו דערציילט אים די שאַרפע תשובה פון צאנזער רב זצ״ל, ענטפערט דער ייטב לב בזה הלשון: דער צאנזער רב איז געווען אַ איש מלחמה, אָבער איר קענט דאָס נישט, איר וועט האָבען פרנסה אפילו אויף אַ שפיטץ באַרג.

(מיר דאַרפען פאַרשטיין די הייליגע ווערטער פון דברי חיים, וואָס דאָס איז תורת אמת, אַ פסק הלכה, וואָס האָט דער ד״ח געזען אַזוי וויכטיג אין רבינו׳ס באַזעצען זיך אין ליסקע, אַז עס איז כדאי צו זיין אויף דעם אַ איש מלחמה עד כדי כך אַז בלוט זאָל זיך גיסען, לאָמיר זאָגען ער האָט געהאַלטען עס איז דאָ נישט שייך קיין השגת גבול, און רבינו מעג בלייבען אין ליסקע, אָבער פאַרוואָס מוז ער דוקא בלייבען דאָרט? ווי עס דאַכט זיך האָט דער צאנזער רב געזען אין דעם אַ יסוד גדול אין אידישקייט, פאַר וועלכען עס איז באמת כדאי צו קעמפען, ווען מיר זענען מעיין אין זיין סה״ק שו״ת דברי חיים (חו״מ ח״ב סי׳ ל״ב) זעען מיר ווי דער דברי חיים איז געווען שאַרף געגען די גאַנצע אינסטיטוציע פון

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

ירושה אין רבי׳סטווא, עס וועט זיין וויכטיג צו ציטירען עטליכע שורות פון ד״ח וזה לשונו: ועל״ד ירושת הכבוד הנה במחכ״ת הבוררים הרבנים, וכי רבני החסידים שליטתם בתורת משרה כמו רב שבנו קודם, הלא ידוע שהקדוש ר״א ואביו הקדוש זלה״ה לא היו רבנים ורק מחמת גודל קדושתם ויראתם נשמעו דבריהם לכל הגליל וינהו אחריהם ללמוד תורה ויראה מהם גם נתנו להם נדבות לכבד יראי ה׳ כי״ב ושאלו עצות כאשר ישאל איש בדבר אלקים, כי היו בעלי רוח הקודש ותפילתם ודיבורם בקדושה עשו פרי, ומה נעשה אם הבאים אחריהם אין בהם קדושה זו, מה ירשו לשאול עצה, דעת אין בהם, אם להתפלל מי יודע העולה למעלה, לא ידעתי שום צד ירושה בזה, הנה מצינו כגון הרב הקדוש למופת איש אלקים רשכבה״ג מו״ה דוב בער זלה״ה ממעזריטש השאיר הגדולה לתלמידיו הרב הקדוש מבארדיטשוב ומאור עינים ואור המאיר זלה״ה וכן רבו הבעש״ט הניח המשרה לתלמידו לא לבנו שהי׳ קדוש ה׳ וכן רבינו הקדוש בעל נועם אלימלך הניח המשרה לתלמידיו לא לבנו הגם שהיו קדושים מאד כידוע, ולכן אין בזה שום ירושה ורק מעשיו יקרבוהו

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

ומעשיו ירחקוהו וכו׳ עיי״ש. די הייליגע ווערטער פון דברי חיים רעדען פאַר זיך אַליין, און דאָס זענען טאַקע דברי אלקים חיים, און כל זמן דער באַגריף **רבי** איז ריכטיג פאַרשטאַנען געוואָרען, איז עס געווען זעלבסטפאַרשטענדליך אַז עס קען נישט איבערגיין בירושה צו אַ פיזישען זון, נאָר צו דעם תלמיד וואָס האָט זוכה געווען מקבל צו זיין פון רבי׳ן יתר שאת ויתר עז און ער איז געווען באמת ראוי לאותה איצטלא, אָבער אויב מען קוקט אויף רבי׳סטווא ווי אויף אַ פרנסה, איז זעלבסט פאַרשטענדליך אַז עס דאַרף בלייבען אין דער אייגענער משפחה... האָט דער צאנזער רב געזען אין דעם אַ פרצה נוראה אין חומת הדת אַ סילוף האמת, האָט ער געהאַלטען אַז אויב רבינו ר׳ ישעי׳לע זצ״ל איז דער אמת׳ער ממלא מקום רבו בתורה ויראה איז ער מחוייב מיט מסירת נפש בלייבען אין ליסקע, דאָס איז דער פשט אין דעם זאָג: בלוט זאָל זיך גיסען און אין ליסקע זאָלסטו בלייבען, דער ייטב לב זי״ע און אַנדערע צדיקים וואָס האָבען אַנדערש געפסק׳נט, הגם זיי האָבען נישט חלילה מחולק געווען אויף דעת תורה פון דברי חיים, האָבען אָבער

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

געהאַלטען אַז נישט יעדער איז בכח צו פירען אַזאַ מלחמת מצוה און עס איז בכלל אי אפשר להעמיד הדת על תלה...).

רבינו איז אויך געפאָרען צו ר׳ מרדכי׳לע נאדווערנער זי״ע און האָט אים גע׳עצה׳ט זיך צו באַזעצן אין קריסטיר, דאָרט איז זיין נאָמען געוואַקסען און זיך פאַרשפרייט איבער דער גאַנצע אידישע וועלט אַלס איינער פון די צדיקי הדור, אַלס עמוד החסד, אַלס מופת הדור, אַלס איינעם וואָס זיין נאָמען ווערט דערמאָנט מיט ליבשאַפט און כבוד ביי טויזענטער אידען וואָס גדול מרבן שמו **ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל**.

אין פאַרבינדונג מיט די מחלוקת וואָס רבינו האָט געהאַט אין ליסקע מעשה, ווערט דערציילט אַ אינטערעסאַנטע מעשה, די קינדער פון אַלטען ליסקער רבי׳ן זענען געקומען צו פאָרען צו ר׳ מרדכי׳לע נאַדווערנער מיט אַ טענה אַז ער מאַכט ר׳ ישעי׳לען פאַר אַ רבי׳ן און דורך דעם איז ער זיי מקפח די פרנסה, דער צדיק האָט אויסגעהערט זייערע טענות, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אינדרויסן

זענען געשטאַנען בינטלעך שטרוי, זאָגט ער צו זיי בזה הלשון: נו זאָל מרדכי זאָגען אויף דעם בינטעל שטרוי אַז דאָס איז אַ רבי וואָס וועט די וועלט צו דעם זאָגען, מרדכי זאָגט נאָר אַזויפיל אַז עס איז דאָ אַ פעסעל מיט רענדלעך, און עס איז באַדעקט מיט שמאַטעס, זאָגט מרדכי אַז מען וועט אַראָפנעמען די שמאַטעס וועט מען זען אַז עס איז פיל מיט רענדלעך, אָבער איך מאַך עם נישט פאַר אַ רבי, איך בעט אייך איר זאָלט אים לאָזן זיין אין ליסקע, עס וועט אייך זיין אַ טובה אויף דור דורות. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפען, און רבינו האָט סוף כל סוף באַזעצט קריסטיר.

אויך דער הייליגער צאנזער רב האָט געטאָן כל מיני פעולות מחזק צו זיין די שטול פון רבינו, און מבטל צו זיין דאָס התנגדות. עס ווערט דערציילט אַז איינמאָל ווען רבינו איז געקומען אין דער צייט פון דער מחלוקת קיין צאנז, דער רב פלעגט אינמיטען טיש אַסאַך מאָל פאַרמאַכען די אויגען און וואַרפען זיין קאָפּ צוריקוועגס הינטער דער שטול, ווי ער וואָלט געדרימעלט, די קינדער פון רב האָבען צווישען זיך גערעדט פון רבינו אַז ער איז געוואָרן אַ

רבי און נעמט קוויטלעך מיט דער כונה אַז דער רב זאָל דאָס הערען און אַרויסזאָגען זיין מיינונג, פלוצים שטייט אויף דער צאנזער רבי און זאָגט; טוב עין הוא יבורך ישעי׳ ווער בענטשען, ער האָט אים אַרויפגערופען צו זיצען לעבען זיך.

# פרק ה

אין קרעסטיר האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע עפּאָכע, דער נאָמען פון רבינו האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אידען מיט צובראָכענע הערצער, אָרימע לייט, אלמנות יתומים, באַהאַלטענע פון מיליטער דינסט, פיזיש און גייסטיג קראַנקע, אַלע האָבן דאָ געהאַט אַ אַדרעס, אַ וואַרעמע שטוב, אַ ברייט אידיש האַרץ, וואָס האָט זיך משתתף געווען אין זייער צער, וואָס האָט געטאָן אַלעס צו לינדערן זייערע יסורים. די פעולות פון צדיק זענען געווען אויף צוויי געביטען, ראשית כל זיינע תפילות וואָס האָבן עושה רושם געווען אין הימעל און האָבען משפיע געווען ישועות פאַר אידישע קינדער, טויזענטער מופתים גלויים ווערען נאָכדערציילט פון רבינו הקדוש. צווייטענס דאָס הכנסת אורחים געבען

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

אָרעמע לייט עסען און טרינקען, זיי באַדינען בגופו, אויך פאַרשידענע חלאים מיט געדולד און טאַקט מיט ליבשאַפט און איבערגעבענהייט, דאָס האָט קיין גלייכן נישט געהאַט אויף דער גאַנצער וועלט.

קרוב צו פופציג יאָר איז דאָס הויז געווען אָפען פאַר אַלע מיט פראָבלעמען, ווי רבינו האָט זיך אויסגעדרוקט: אורחים בורחים דורכים, יעדער האָט געפינען אין זיין הויז אַ וואַרעם ווינקעל. די רבי׳צען איז געווען זיין רעכטע האַנט, זי האָט געפירט דאָס הויז מיט ברייטקייט, אָבער אויך מיט אויסגערעכענטקייט, ווי רבינו פלעגט זאָגען, ווען נישט זי, וואָלט ראָטשילדס פאַרמעגען וויינ׳ג געווען.

צו טאָן חסד, באַדינען געסט, אויסהערען מענטשענס צרות, און צווישען זיי אויך מענטשען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער, איז פאַר זיך אַ גרויסע זאַך, אפילו ווען עס שפילט קיין ראָלע, ווען עס פעלט נישט קיין פינאַנציעלע מיטלען, איז אויך זעלטען ווער עס קען אויף זיך נעמען אַזאַ אויפגאַבע אַ לעבען לאַנג, אָבער ביי רבינו איז דער מצב געווען נאָך פיל שווערער, כאָטש עס האָט אַריינגעפליסט

גרויסע סומעס געלט, איז אָדער די הצטרכות געווען אַלע מאָל פיל גרעסער, מרובים צרכי עמך, דאָס פיטערן אידען איז אָפט געווען אויף דעם חשבון פון אַליין בלייבען הונגעריג, פשוטו כמשמעו...

אַ עד ראיה דערציילט, איינמאָל האָט רבינו חתונה געמאַכט אַ אָרעמע יתומה, די רבי׳צן האָט אליין געקאָכט געבאַקען אַ סעודת שלמה בשעתו, ממש ווי עס פאַסט פאַר אַ נגידיש קינד. אַרום צוועלף אַזייגער ווען מען האָט געהאַלטען ביי בענטשען, גיי איך אַריין אין קאָך רופען די רבי׳צן צום בענטשען, איך זע ווי זי האַלט אַ שטיקעל חלה אין איין האַנד און אביסעל מילך אין דער אַנדערע האַנד. איך פרעג זי וואָס איז דאָס! עס איז דאָך אַ סעודת מצוה, פאַרוואָס איז די רבי׳צן נישט טועם אַ שטיקעל פיש אָדער פלייש? – ענטפערט זי, איך האָב באמת אונגעגרייט בהרחבה, אָבער עס זענען געקומען מער געסט ווי ערוואַרט, נו האָב איך עס צעטיילט...

דאָס איז אָבער געווען מעשים בכל יום, אין דער צייט פון די ערשטע וועלט מלחמה זענען הונדערטער פליטים דורכגעגאַנגען זייער הויז, די רבי׳צען איז

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

געשטאַנען ון די פרי מאָרגען שטונדען ביז שפעט ביינאַכט געקאָכט געבאַקען און באַדינט אידען, פיל מאָל פלעגט זי אַרומגיין מיט אַ נאַס האַנטוך אַרום דעם קאָפ ווען קאָפ ווייטאָג, אָבער דאָס האָט איר נישט געשטערט אונצוגיין מיט איר עבודת הקודש און אויפנעמען יעדען מיט אַ שמייכעל, בסבר פנים יפות.

חוץ אורחים, האָט זי אויך געהאַט אַ לאַנגע ליסטע מיט פאַרשידענע נצרכים, דעם שיקט זי האָלץ פאַרן ווינטער, דעם חלות אויף שבת, יענעם פיש און פלייש, דאָ איז אַ אָרעמע קימפעטאָרין, דאָ אַ חתן וכלה, און אַלעס ליגט אויף אירע שוואַכע פלייצעס, און אַלעס ווערט ערלעדיגט מיט פינקטליכקייט.

איר קליידונג איז געווען בתכלית הפשטות, איין שבת׳דיג קלייד אַ גאַנץ לעבען, מיט דעם איז זי אויך געגאַנגען אויף אַלע חתונות... אין די יאָרען פון דער מלחמה האָט זי נישט אונגעטאָן קיין נייע זאַך, נישט געלאָזט קאַלעכען דאָס הויז, נישט געגעסען קיין פלייש חוץ שבת ויום טוב, זאָגענדיג ווי קען איך זיך נאָכגעבען אַזעלכע תענוגים ווען עס זענען דאָ אַזעלכע צרות אויף דער וועלט.

רבינו האָט אָפּגעשאַצט איר גרויסקייט, ער האָט זיך מיט איר שואל עצה געווען אין אַלע ענינים, מקיים געווען: כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה... איר אפּגעגעבן גרויס כבוד, ווי חז״ל זאָגען: מכבדה יותר מגופו. אויך דער הייליגער צדיק ר׳ מרדכי׳לע נאַדווערנער האָט זי זייער מכבד געווען האַלטנדינג איר פאַר אַ אמת׳ע אשת חיל, אשה יראת ה׳ היא תתהלל.

# פרק ו

דער פאַקט וואָס רבינו זצ״ל איז אַליין דערגאַנגען צו זיינע מדריגות, און נישט געשטאַמט פון קיין רבי׳שע גזע, דער פאַקט האָט אים באַגלייט זיין גאַנץ לעבען, עס האָבען זיך עפּענען נישט פאַרגינער וועלכע האָבען נישט געקענט שלום מאַכען מיט דעם געדאַנק אַז אַ מענטש וואָס איז נישט געבוירען געוואָרען ביי אַ באַרימטען רבי׳ן זאָל קענען דערגרייכען די מדריגה פון אַ צדיק און בעל רוח הקודש.

אין יענעם דור האָבען אָבער נאָך געלעבט צדיקים אמתיים וועלכע זענען טאַקע געווען אמת׳ע מבינים

און זיי האָבען מיט גרויס התלהבות מפרסם געווען דאָס גרויסקייט פון רבינו, ר׳ מרדכי׳לע נאַדווערנער האָט איינמאָל ווען אַ חסיד האָט אים געפרעגט צו מען קען געבען קוויטלעך צו רבינו, האָט ר׳ מרדכי׳לע אויפגעשפרינגען פון זיין שטול, און אַזוי געזאָגט: די גמרא זאָגט כל הכובש נבואתו לא עלינו ולא עליכם, מרדכי וויל נישט כובש נבואתו זיין, זאָלסטו וויסען אָז מען האָט אויסגערופען אין הימעל אַז ישעי׳ וועט ממלא מקומו זיין דעם ליסקער.

די הרגשה פון די צדיקים איז געווען אין לשער... ר׳ מרדכי׳לע נאַדווערנער האָט איינמאָל געבאָרגט פאַר רבינו אַ פאָר תפילין צום דאַווענען, נאָך דעם דאַווענען פרעגט ר׳ מרדכי׳לע נו ווי האָט זיך אייך געדאַווענט? ענטפערט רבינו: איך ווייס גאָרנישט, די גאַנצע וועלט האָט זיך מיט מיר געדרייט, איך האָב נישט געוויסט אויף וועלכען עולם איך בין, — ר׳ מרדכי׳לע זי״ע האָט אויף דעם געזאָגט: איך האָב דיך גענומען צו דער מערת המכפלה...

אויך דער הייליגער ייטב לב זצ״ל האָט מעיד געווען אויף די גרויסקייט פון רבינו.

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

רבינו איז אַמאָל געפאָרען מיט דעם פריסטיקער רב זצ״ל קיין ליזשענסק אויף דער יאָרצייט פון רבי ר׳ אלימלך זי״ע, מען האָט געברויכט דורכצופאָרען אַ טייך, אינמיטען האָט זיך דאָס שיפעל אָנגעהויבען ברעכען און זיי זענען געווען אין אַ סכנה, דער עולם האָט געשריגען וואָס טוט מען... רבינו האָט געהייסען זאָגען הלל מיט געזאַנג, און וויבאַלד זיי האָבען אָנגעהויבען זאָגען הלל בשמחה איז די סכנה אַוועק און זיי זענען דורך בשלום צו דער פאַרווינדערונג פון אַלע.

אויך הרב הקדוש ר׳ ישוע׳לע מבעלזא זצ״ל האָט שטאַרק אָפגעשאַצט דאָס גדלות פון רבינו, עס ווערט דערציילט אַז איינמאָל זענען צוויי חסידים געקומען צום בעלזער רב מיט אַ גרויסע בקשה; היות זיי זענען האָלץ סוחרים און זיי האָבען געקויפט אַ וואַלד פאַר אַ גרויסע סומע געלט מיט דעם חשבון אַז עס איז דאָרט דאָ אַסאַך גרויסע ביימער וואָס מען קען פון זיי שניידען האָלץ צו בויען שיפען, וואָס דאָס באַצאָלט זיך זייער גוט, זיי האָבען אָבער געמאַכט אַ טעות אין חשבון, דאָס רוב האָלץ איז

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

נישט גוט נאָר אַלטץ ברען מאטריאל, ממילא שטייט זיי פאָר צו פאַרלירען דאָס גאַנצע פאַרמעגן. — דער בעלזער רב האָט זיי געהייסען פאָרען קיין קרעסטיר, אונגקומענדיג צו רבינו, פרעגט ער זיי; וויפיל באַצאָלט מען פאַר אַ ברעט וואָס מען בויט אַ שיף? ענטפערן זיי 100 קרוינען — און וויפיל האָט איר באַצאָלט פאַר דעם וואַלד? 12.000 קרוינען. נו אויב אַזוי אַז עס וועט דאָרט זיין פופצען הונדערט ברעטער וועט איר שוין אַרויס מיט דעם קרן, חוץ דעם איז נאָך דאָ סתם האָלץ, נו וועט איר גוט פאַרדינען, אַזוי האָט ער פאַרענדיגט זיינע ווערטער און זיך מיט זיי געזעגענט מיט אַ ברכה. זיי זענען אַהיים געפאָרען און זיך גענומען צו דער אַרבייט, דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען דער רוח הקודש פון רבינו, פונקט 1500 גרויסע ברעטער האָבען זיי אויסגעהאַקט פון וואַלד און נאָך פיל פשוט׳ע האָלץ, און זיי האָבען שטאַרק מצליח געווען.

הרב הצדיק הקדוש ר׳ משה׳לע פון שינעווע זצ״ל איז איינמאָל געווען אין מיהאלאוויץ אויף אַ שבת, זונטאג האָט ער געפראַוועט אַ סעודת ראש חודש, מען האט געשמיסט פון רבינו, האָט איינער פון דעם

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

עולם דערציילט אַ מעשה פון רבינו, וואָס דער גאַנצער עולם איז געוואָרען זייער באַגייסטערט – אין מיין דאָרף וואוינט אַ איד וואָס פלעגט פאָרען קיין קרעסטיר, דאָס רעדעל האָט זיך ביי אים ל״ע פאַרדרייט, ביז ער איז געוואָרען מחוסר לחם ממש, נישט געהאַט וואָס צו געבען צו עסען זיין פרוי און קינדער, אין גרויס פאַרצווייפלונג איז ער געפאָרען קיין קריסטיר, און אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ פאַר רבינו הקדוש. פרעגט אים דער רבי, מיט וואָס האָט ער זיך מפרנס געווען ביז איצט? איך פלעגט האַנדלען מיט בהמות, ענטפערט ער. נו פאַרוואָס טוסטו נישט ווייטער האַנדלען? פרעגט דער רבי, איך האָב נישט אפילו איין פרוטה מיט וואָס צו קויפען, ענטפערט דער איד, גיבט אים דער רבי 25 ריייניש און זאָגט צו אים, פאָר קיין ווראנאוו אויף דעם מארק און וועסט דאָרט איינהאַנדלען בהמות און השי״ת וועט העלפען. דער איד פאָלגט דעם רבי׳ן, קומט צום מארק, דרייט זיך אַרום אַהער און אַהין, אָבער עס קען דאָך קיין רייד נישט זיין וועגען קויפען בהמות, וועל ער האָט נישט גענוג געלט אפילו פאַר איין בהמה, גייענדיג אַזוי אויף דעם

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

מאַרק באַגעגענט ער אַ גוי, דעם שופט פון זיין דאָרף, דער גוי פרעגט אים פאַרוואָס קויפסטו נישט גאָרנישט? ענטפערט דער איד, איך האָב נישט קיין געלט, אפשר קענסטו מיר באָרגען, דער גוי נעמט אַרויס אַ גרויסע סומע געלט פון זיין בייטעל וואָס הענגט ביי אים אויף דעם האַלז און באָרגט אים. דער איד גייט מיט דעם געלט ער קויפט בהמות פאַרקויפט און פאַרדינט גוט, נעקסטען טאָג באַגעגענט דער איד דעם גוי, ער וויל אים באַצאָלען דעם חוב, אָבער איידער וואָס ווען, פרעגט דער גוי, אפשר האָט איר מיר צו פאַרקויפען אַ גוטע קי? פרעגט אים דער איד, פאַרוואָס האָט איר נישט געקויפט נעכטען אויף דעם מאַרק אין ווראנעוו? איך האָב קיין צייט געהאַט נעכטען צו פאָרען קיין ווראנאוו, עס איז ביי מיר געוועזן די צייט פון ווייץ שניט און איך האָב נישט געקענט באוויזען צו זיין אין ווראנעוו אויף דעם מארק! וואָס רעדט איר, שרייט דער איד, איך האָב דאָך אייך אַליין געזען און גערעדט מיטאייך! ניין ניין, ענטפערט דער גוי, איר מוזט מאַכען אַ טעות. דער איד האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָ ליגט דער כח פון רבי׳ן, ער איז

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

פון דער מעשה אַזוי נתפעל געוואָרען אַז ער האָט אויסגערופען בזה הלשון: מצוה לפרסם בישראל.

דער באכנער רב ר׳ אשר מאיר ז״ל האָט געליטען אויף דעם האַרץ, דער דאָקטאר אין לעמבערג האָט אים געוואָרענט אַז אויב ער וועט האָבען נאָך איין אַטאַקע איז ער אין גרויס געפאַר, דער באָכנער רב פלעגט צו פאָרען קיין קרעסטיר, זייענדיג איינמאָל אויף שבת קודש ביי רבינו האָט ער פלוצים געקריגען אַ האַרץ אַטאַקע, דער רבי האָט זיך מיט אים משתדל געווען, די פיס זענען ביי אים שוין געווען קאַלט, ער איז געווען אין גרויס געפאַר, מען האָט געשיקט אַ טעלעגראַם קיין שינעווע צו הרב הגאון הקדוש ר׳ יחזקאל׳ע זצ״ל, השי״ת האָט געהאָלפען און ער האָט געהאַט אַ רפואה שלימה, אַ צייט שפּעטער האָט זיך רבינו געטראָפען מיט דעם שינעווער רב, עס איז געקומען צו ריידן וועגען באָכנער רב, האָט דער שינעווער רב, עס איז געקומען צו רייד וועגען באכנער רב, האָט דער שינעווער רב גענזאָגט, ווען געקומען דער טעלעגראַם פון באָכנער רב הז״ב איך זיך זייער דערשראָקען

וויסענדיק זיין קריטישען מצב, הערענדיק אָבער אַז דער טעלעגראַם קומט פון קריסטיר האָב איך זיך אינגאַנצן באַרואיגט וויסענדיק אַז ער געפינט זיך אין גוטע הענט.

# פרק ז

חז״ל זאָגען בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו, דאָס הייסט אַז השי״ת העלפט און פירט דעם מענטש אין דעם וועג וואָס ער וויל גיין. רבינו הק׳ וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אין דעם ענין פון טאָן צדקה וחסד, האָט געהאַט ספּעציעלע סייעתא דשמיא קענען דורכפירען זיין הייליגען רצון, עס האָט זיך פיל מאָל געמאַכט אַז עס איז געווען גרויס דחקות אין שטוב, אָבער ווען מען האָט געדאַרפען פאַר אידענ׳ס וועגען איז אַלעמאָל געקומען די ישועה אין די לעצטע מינוט.

איינמאָל עס איז שוין געווען ערב פסח און עס פעלט ביים רבי׳ן אין שטוב איינס פון די וויכטיגסטע שפּייז פאַר יום טוב – פּאטעטאס – און דאָ איז דאָ אַ עולם אָרימע לייט, ווי וועט מען זיי זאָט מאַכען דורך דעם הייליגען יום טוב, דער רבי איז זייער

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

פאַרזאָרגט, געלט איז אויך געווען בצמצום, וואָס טוט מען? דער רבי זיצט אין זיין צימער ביים פענסטער בצער גדול, ער איז מכוון זיינע מחשבות קדושות, ער בעט דעם רבונו של עולם, העלף מיר זאָט מאַכען דיינע אידישע קינדערלעך! פלוצים שטעלט זיך אָפּ אַ וואָגען נעבען רבינ׳ס פענצטער, די פערד ווילען זיך ווייטער נישט רירען... דער בעל עגלה שרייט, קלאַפּט מיט די בייטש, עס העלפט גאָרנישט, כאָטש הרג׳ע זיי, זיי רירען זיך נישט פון אָרט, דער רבי עפענט דאָס פענצטער און פרעגט: וואָס האָסט דאָרט אויף דעם וואָגען? — פּאַטייטאס — ענטפערט דער בעל עגלה, שענק עטליכע זעק פאַר מיינע אָרימע לייט און עס וועט אַלעס זיין בסדר. דער בעל עגלה פאָלגט דעם רבי׳ן, און ווינדער איבער ווינדער די פערד פאָרען ווייטער.

רבינו איז געווען אַמאָל אין מאַקעווע, עס איז ווען דער סוף זמן פון קידוש לבנה, עס איז אָבער געווען זייער פאַרוואָלקענט, מען האָט נישט געזען קיין זכר פון אַ לבנה, דער עולם האָט זיך מצער געווען, דער רב ווענדט זיך צום רבי׳ן רבי זעט עס זאָל זיין אַ לבנה! זאָגט רבינו זאָל דער רב געבען „תיקון״ וועט

זיך מאַכען אַ לבנה, איך האָב נישט – זאָגט רב רב, זאָל דער עולם גוטשטיין – דינגט זיך דער רבי, דער עולם איז מסכים, און תוך כדי דיבור צושפרייטען זיך די וואָלקענס און מען זעט אַ שיינע לבנה, דער גאַנצער עולם גייט אַרויס מיט גרויס שמחה מקיים צו זיין די מצוה, דער רב זאָגט מיט גרויס באַגייסטערונג: ווען איך וואָלט דאָס אַליין נישט געזען וואָלט איך נישט געגלויבט.

דער רצון צו העלפען אידען, צו דערפרייען צובראָכענע הערצער, איז געווען דער שטאַרקסטער רצון פון רבינו הק׳, און אַזוי ווי עס שטייט רצון יראיו יעשה, האָט השי״ת אים געהאָלפען אין זיין עבודת הקודש, ער האָט אַלע מאָל געפינען די ריכטיגע וועגען ווי צו העלפען ליידענדע מענטשן מיט עצות טובות מיט טרייסט ווערטער מיט געלט, אפילו מיט פערזענליכע באַדינונג, יעדעם לויט זיין צורך. מענטשן וואָס זענען געווען פאַרצווייפלט אויפגעגעבען יעדע האָפענונג, עס זענען אפילו געווען פאַלען וואָס זיי האָבען באַשלאָסן באַגיין זעלבסטמאָרד רח״ל פון גרויסע צרות, זענען דורך

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

רבינו הק׳ געטרייסט געוואָרען, און זיי האָבען אנגעהויבען אַ ניי לעבען.

עס ווערט דערציילט, ווען דער רבי איז געווען אין זענטא, איינמאָל פרייטאָג צו נאַכטס נאָך דעם טיש, דער רבי איז געבליבען זיצען פאַרברענגט מיט׳ן עולם געשמיעסט דברי תורה וסיפורי צדיקים, עס איז מיט זיי געזעסען אַ מלמד, עס איז געוואָרען שפעט, דער מלמד האָט געוואָלט אַהיים גיין, דער רבי בעט אים בלייבען נאָך, עס גייט דורך אַ האַלבע שעה, דער מלמד וויל גיין אַהיים, דער זאָגט צו אים זיך נאָך, עס איז געווען זייער שפעט, די פרוי פון מלמד האָט זיך דערשראָקען, ווי איז דער מאַן? זי איז ארפגעשטאַנען און געגאַנגען זוכן איר מאַן ביים רבינ׳ס טיש, באַלד זי איז אַריין געקומען, רופט זיך אָן דער רבי: נו יעצט קענט איר שוין גיין אַהיים! ווי פאַרווינדערט זענען זיי געווען, ווי זיי זענען אַהיים געקומען האָבען זיי געזען ווי די וואַנט נעבען זייך בעט איז איינגעפאַלען, און אויב ער וואָלט פריער אַהיים געגאַנגען וואָלט ער געווען אין אַ גרויסע סכנה, די מעשה האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען רעש אין זענטא, מען האָט געזען דעם כח פון צדיקי אמת.

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

אַ ענליכע מעשה ווערט דערציילט, אַ חסיד איז געווען ביים רבי׳ן אין קריסטיר, ווען ער קומט זיך געזעגענען, זאָגט אים רבינו, פאַר נישט יעצט אַהיים, פאָר נישט יעצט אַהיים, בלייב דאָ איבערנעכטיגען, דער איד זאָגט מיין משרת וואָרט אויף מיר ביים צוג, מיט מיין וואָגען, דאָס ווייב ערוואַרט מיך אינדערהיים זי וועט נישט וויסען וואָס עס איז געשען, דאָך בלייב דאָ ביז מאָרגען, זאָגט דער רבי, דער חסיד אָן חשק, אָבער מיט אמונה פשוטה, בלייבט איבער נאַכט, מאָרגען קומענדיג אַהיים הערט ער דעם גרויסען נס וואָס איז מיט אים געשען, דער בעל עגלה זעענדיק אַז דער בעל הבית איז נישט געקומען מיט׳ן צוג, האָט אַרויפגענומען אַ גוי, עס איז געווען פינצטער, אין מיטען וועג זיינען זיי באַפאַלען רוצחים, דער גוי וואָס איז געזעסען אויף דעם פלאַטץ פון בעל הבית האָט באַקומען מכות רצח, ביז זיי האָבען זיך געכאַפט אַז דער בעל הבית איז נישטאָ.

רבינו פלעגט מיט זיין הייליגע עניוות מבטל זיין זיינע מופתים ער פלעגט עס מאַכען פאַר קליין געלט, ווי עס וואָלט געווען אַ פשוט׳ע זאַך, וואָס

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

יעדער קען באַוויזען, אַ חסיד דערציילט בדידי הוה עובדא: איך בין איינמאָל געפאָרען קיין קרעסטיר, אין מיט׳ן וועג האָב איך געקראָגען אַ אויסשלאג אויפ׳ן גאַנצען קערפער, געוואַלדיגע יסורים, ממש סכנת נפשות, איך בין קוים אונגעקומען צום רבינ׳ן הויז, ווי איך דערצייל דעם רבי׳ן וואָס עס איז געשען, הייסט מיר דער רבי גיין זיך טובל׳ן אין מקוה, איך בין מיט גרויס מי זיך צו געשלעפט צו די מקוה, זיך גע׳טי־בל׳ט און ממש אין איין אויגענבליק אַרויסגעקומען אַ אויסגעהיילטער, מיט גרויס שמחה בין צוריק געלאָפען צום רבי׳ן אים דערציילט דעם וואונדערליכען נס, דער רבי האָט מיט אַ ליבליך שמייכעל מבטל געווען די גאַנצע זאַך, זאָגנדיק: וועסט נאָך מיינען אַז איך בין אַ נביא, ניין, נאָר איך ווייס אַז עס איז פאַרהאַנען איין ווינטעל, ווען דער ווינטעל טרעפט, ווערט באַלד אַ מוכה שחין רח״ל, און צו דעם העלפט נאָר וואַסער...

אויך ווען עס איז געווען בגדר נס ממש יוצא מדרך הטבע האָט רבינו נישט גענומען דעם קרעדיט פאַר זיך, נאָר ער האָט תולה געווען אַז עס איז געשען אין זכות פון די אמונה פשוטה וואָס דער

חסיד האָט געהאַט... איינמאָל איז געקומען צו רבינו אַ צובראָכענע פרוי אַ עגונה, דער מאַן האָט זי פאַרלאָזט עטליכע יאָר, מען ווייס נישט וואו ער געפינט זיך. דער רבי האָט געזאָגט: וואָס האָב איר איר געקענט זאָגען, זי איז נעבעך צובראָכען, האָב איך איר געזאָגט בלייבט אויף שבת קודש אפשר וועט ער קומען, עס קומען דאָ פיל מענטשען, אָדער אפשר וועט קומען אדווער וואָס קען אים. די פרוי איז געווען זעהר אַ פשוט׳ע, אַ נאיווע, זי האָט ממש געמיינט אַז זי איז, שוין אַ געהאָלפענע, יעדע פאָר שעה איז זי אַריין צום רבי׳ן פרעגענדיק צו דעם מאַן איז שוין געקומען, פרייטאג נאָכמיטאג קומט אַריין צום רבי׳ן אַ פארשוין, – איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען, אָבער איך באַלד דערפילט אַז אָט דאָס איז ער... האָט דער רבי שפּעטער דערציילט, און גלייך ווי דער פארשוין איז אַריין צום רבי׳ן, איז די פרוי געקומען זיך נאָכפרעגען צו דער מאַן אירער איז שוין דאָ? באַלד ביי דער שוועל האָט זיך אויסגעשריגען מיט אַ באנטמען קול: אוי וויי! דאָס

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

איז ער! ווי ביסטו געווען אַלע יאָרן? באַלד האָט דער רבי געמאַכט שלום צווישען זיי. שפּעטער האָט דער רבי מפליא געווען די אמונה פשוטה פון דער פרוי, זאָגענדיק אַז אין דעם זכות איז די ישועה געקומען.

רבינו פלעגט אַמאָל טון וואונדערליכע זאַכן וואָס בשעת מעשה האָט מען עס נישט פאַרשטאַנען, אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויס געשטעלט די טיפע כוונה פון צדיק. עס איז איינמאָל געקומען צום רבי׳ן אַ גאַסט גראָד נישט קיין חסיד, דער רבי האָט אים אומגעבעטענערהייט מיט געגעבן אַ קמיע, דער איד האָט נישט געוואוסט וואָס מיט דעם צו טאָן, דאָך האָט ער עס אַריין גענייט אין זיין מאַנטעל, טראַכטענדיק עס קען נישט שאַטען, אַ קורצע צייט שפּעטער מאַכט זיך איין נאַכט דער איד קען איינשלאָפען ביינאַכט, אַזוי אויך זיין פרוי, עס איז ביי זיי אַ נייע, עס האָט קיינמאָל נישט געטראָפען, זיי רעדען צווישען זיך, וואָס קען דאָס זיין זעענדיק

אַז עס גייט נישט איינצושלאָפען, שטייען זיי אויף, און דרייען זיך אַרום אין הויז, פלוצים וואַרפט ווער אַריין אין הויז אַ באָמבע, די באָמבע האָט זיך געקוילערט אַ מינוט, דערווייל כאַפט דער איד דעם מאַנטעל מיט דער קמיעה און לויפט אַרויס מיט זיין ווייב פון הויז, און גלייך אין דער רגע האָט די באמבע געפלאַצט און דאָס גאַנצע הויז איז פאַרברענט געוואָרען.

# פרק ח

דאָס גרויסקייט פון צדיקי אמת באַשטייט אין די מדה פון „והצנע לכת עם ה׳ אלוקיך״ צו באַהאַלטען זייערע מדריגות פון מענטשליכע אויגען, אַז עס זאָל זיין בלתי לה׳ לבדו, אינגאַנצען לשם שמים, בלויז אַ קליינער חלק, דאָס וואָס איז אומבאַדינקט נויטיק פאַר זייער הייליגע עבודה, ווערט נתגלה פאַר מענטשליכע אויגען, דערפאַר ווען עס קומט אָפצושאַצען און אַריין צוקוקען אין לעבען פון צדיקים אמיתיים ווי רבינו זי״ע, זענען אונזערע כוחות זייער באַגרעניצט, ווייל בלויז קליינע שפּארעס עפענען זיך פאַר אונז, און דאָס

פאַרבאָרגענע איז פיל מער ווי דאָס וואָס מען קען זען.

לאָמיר פרובירען אַריינצוקוקען אין די ליכטיגע וועלט פון צדקות און קדושה פון רבינו זי״ע, בכדי זיך אָפּצולערנען כאָטש אַ קליין ביסעל פון זיינע דרכים.

שמחה, איינס פון די יסודות אין אידישקייט איז שמחה, נישט נאָר דאַרף אַ איד מקיים זיין מצות השי״ת מיט שמחה, ווי עס שטייט אין אַלע ספרים הקדושים, און ווי דער אר״י הקדוש טייטשט דעם פסוק אין דער תוכחה „תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל״ אַז די כונה איז אַז די תוכחה קומט ח״ו ווייל מען האָט נישט געהאַט די ריכטיגע שמחה ביי עבודת ה׳, עס האָט געפעלט דער געפיל פון פרייד, וטוב לבב מרוב כל, אַז דער ווערט פון עבודת ה׳ איז מער פון אַלעם אויף דער וועלט. נאָר אויך סתם שמחה זיין אַלע מאָל פריילין איז פאַר זיך אַ מצוה ועבודת ה׳, ווי עס שטייט וטוב לב משתה **תמיד**, ווייל ווי מער אַ מענטש איז דבוק אין בורא כל העולמים, איז ער מער פאַרזיכערט, און

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

אַלע מענטשליכע פּראָבלעמען זענען ביי אים נישטיג, ער פילט די האַנט פון דער השגחה יעדע רגע, זיין גאַנץ לעבען איז איין לאַנגע קייט פון עבודת ה׳, ממילא איז ער כסדר מקיים דעם עבדו את ה׳ בשמחה, און ער איז כסדר פריילין.

רבינו זצ״ל האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער מדה פון שמחה, מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען בעצבות, מקבל געווען יעדען בסבר פנים יפות מיט אַ שמייכעל, אַלע מאָל געהאַט אַ גלייך ווערטעל.

**סבלנות**, אַ מענטש אָן אַ גאַל... קיינמאָל נישט געבייזערט זיך, נישט געוויסט וואָס הייסט כעס, עס זענען געווען פאַלען וואָס יעדער נאָרמאַלער מענטש וואָלט געקענט ווערען מלא כעס, אָבער רבינו איז געבליבען אין זיין מצב, מיט זיין געוועגליכן שמייכעל, זיך נישט פאַרלוירן אפילו אויף איין מינוט. אַ עד ראיה האָט דערציילט: אַ געוויסער אָרימאַן האָט זיך באַזעצט אין רבי׳נס הויז כמה חדשים, געגעסען געטרינקען געוואָרען אַ גאַנצער בן

בית, איינמאָל האָט ער זיך גענומען אַ גרויס קריגעל בראָנפן וואָס האָט ענטהאַלטען פינעוו ליטער, און לעלענדיק זיך אָנגיסען אַ גלעזל בראָנפען, האָט ער עס אַראָפגעלאָזט, דער קול פון בראָך איז געווען אַזוי גרויס אַז אַלע מענטשען פון הויז זענען זיך צוזאַמען געלאָפען צו זען וואָס דאָ איז געשען, רבינו איז אויך אַרויסגעקומען פון זיין חדר מיוחד, זעענדיג וואָס דאָ געשען איז ער שנעל צוגעלאָפען אַרויסגעזוכט אַ אַנדער פלעשל בראָנפען און אונגעגאָסען אַ גלעזעלע פאַר דעם אָרימאַן, זאָגענדיג; אוי ער האָט זיך נעבעך אַזוי דערשראָקען.

עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין רבינ׳ס הויז פאַרשידענע פאַרשוינען האַלבע משוגעים, פיל פון זיי זענען געווען שמוציג, מען האָט דעם רבי׳ן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיי מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק אויף רייכע חסידים וואָס קומען צופאָרען, אָבער דער רבי האָט בשום אופן נישט געלאָזט זיי מרחק זיין, פאַרקערט ער האָט זיך מיט זיי ספעציעל

אָפגעגעבען, געערדט מיט זיי געזאָגט גלייך ווערטלעך לויט זייער פאַרשטאַנד, בכדי משמח צו זיין צעבראָכענע הערצער.

צדקה, עס איז שוין דערציילט געוואָרען אַסאַך וועגען די צדקות וואָס רבינו הק׳ מיט זיין רבי׳צען האָט געטאָן. אָבער דאָס איז נישט געווען סתם צדקה, נאָר אויך אין דעם האָט זיך אַרויסגעפילט די געוואַלדיגע מדריגות קדושות פון רבינו, דאָס גרויסע האַרץ פיל מיט ברענעדיגע אהבת ישראל. אַלע זיינע יאָרן, אויך אין די צייטען וואָס די אייגענע פרנסה איז געווען בצמצום, איז ער תמיד געווען גרייט צו העלפען כל מיני נצרכים יתומים ואלמנות חתנים וכלות אַלע צעבראָכענע הערצער האָבען געפינען אין אים אַ טרייסט, עס זענען געווען בכבוד׳יגע אָרימעלייט וואָס עס האָט זיך געפאָדערט גרויס טאַקט און חכמה ווי אַזוי זיי צו העלפען, זיי זאָלען זיך נישט פילען געטראָפן, רבינו האָט אין דעם אויך אַריינגעלייגט פיל מי און חכמה, מקיים געווען דעם ,,המפייסו״ מיט דעם גאַנצען שלימות.

אַ דערציילט, ער איז אַליין געווען דערביי, אַ אָרימאַן איז אַריין צום רבי״ן ער האָט געהאַט אויף

זיך צוריסענע שיך, אינמיטן קומט אַריין אַ שוסטער און ברענגט אַריין דעם רבי׳ן אַ נייע פּאָר שטיוועל, וואָס זענען באַשטעלט געוואָרען, דער רבי ווענט זיך צום אָרימאַן: טוט מיר אַ טובה, פּרובירט אָן די שטיוול און צום שוסטער זאָגט ער, מאַכט מיר אַ נייע פּאָר, ווייל די פּאַסען זעהר גוט דעם איד.

צו פאַרשטיין אַז יענער דאַרף צו דעם פּאָדערט זיך נישט קיין ספּעציעל חכמה. אָבער צו פאַרשטיין יענעמ׳ס ספּעציעלע נויטן און געפילען און מיטצופילען מיט אים דאָס פּאָדערט שוין אַ גרעסערע מדריגה, וואָס דאָס מיינט דער פּסוק: אשרי משכיל אל דל, רבינו איז געווען אַ יחיד בענין זה, אַ חסיד דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געווען ביים רבי׳ן פאַר פסח, האָט דער רבי אים געבעטען מיטנעמען אַ געוויסען גרויסען סכום מיט געלט צו אַ געוויסען אָרימאַן פון זיין שטאָט, אויף זיין פאַרוואונדערונג אַז דער רבי האָט ערשט מיט אַ פּאָר טאָג צוריק געשיקט צו דעם איד אויף צרכי פסח, האָט דער רבי געענטפערט, דער איד איז געווען אַ נגיד, ער דאָרף זיך ווייזן פאַרא בעל יכולת און געבען יום טוב אַ קידוש פאַר׳ן עולם.

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

**ענוות** און פשטות איז געווען דער מהות פון רבינו הק׳, זיי׳ קליידונג איז געווען בתכלית הפשטות, זיין האַנדלונג מיט מענטשען מיט גרויס ענוות, ער פלעגט אָפט מאָל אין מיטען דער נאַכט אַריינגיין אין בית המדרש ווי עס זענען געשלאָפען זיינע אורחים בורחים דורכים, אין צודעקען זיי, עס זאָל זיי נישט זיין חלילה קאַלט, צוברענגען זיי נעגעל וואַסער, בכלל פלעגט ער אַליין באַדינען זיינע געסט, שבת אַליין טיילן די מאכלים, עס איז באַקאַנט דאָס ווערטעל וואָס ער האָט געזאָגט וועגען זיך, ווען מען האָט אים געזען ווי ער שטייט פאַר ראש השנה פאַר תקיעת שופר, און שניידט פאַר׳ן עולם לעקאך אויף קידוש באַלד נאָכ׳ן דאַווענען, האָט ער געזאָגט מיט זיין הייליגען שמייכעל: אַלע רבי׳נס זענען איצט מכוון רזי דרזין, און איך ישעי׳ בין מכוון לשובע ולא לרזון. ער פלעגט באַגריסען יעדען מענטש וואָס ער האָט באַגעגענט מיט אַ פריינדליך שמייכעל, אפילו אַ גוי, אפילו אַ קינד, עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין הייליגע ענוות דער וועג ווי ער פלעגט זיך אונטערשרייבען זיין גאַנץ לעבען: ישעי׳ ב״ר משה ז״ל שהי׳ משמש בקודש אצל הרב הצדיק מליסקא זי״ע.

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

בטחון, רבינו האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער מדה פון בטחון אויף אַ גאָר וואונדערליכען אופן, עס זענען געווען צייטען אין זיינע יונגע יאָרן ווען ער האָט שווער געהאַט פרנסה, דאָך האָט ער יעדען טאָג צוטיילט פאַר אָרימע לייט ביז דער לעצטער פרוטה אַלעס וואָס איז אים אַריינגעקומען נישט זאָרגענדיק זיך אויף מאָרגען, עס איז ביי אים מקויים געוואָרען די הבטחה פון: השלך על ה׳ יהבך והוא יכלכלך. השי״ת האָט אים אַלע מאָל צוגעשיקט אַלע הצטרכות אין דער לעצטע מינוט, ווי עס שטייט לא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם. עס ווערט דערציילט אַז איינמאָל דאָנערשטיג נאַכט קומט די רביצען אַריין מיט אַ בקשה זי האָט נאָך נישט קיין מעל צו באַקען חלות אויף שבת, אויך פיש און פלייש האָט זי נישט, באָרגען אין געשעפט שעמט זי זיך ווייל איז שוין שולדיג פון פריער. ענטפערט רבינו: דערווייל שטעל צו וואַסער אויף דעם אויבען און דער אויבערשטער וועט העלפען. די מעשה איז געווען אין מיטען ווינטער, עס איז געווען אַ גרויסער שניי און ווינד מען האָט נישט געזען אויף דער גאַס קיין לעבעדיגן באַשעפעניש, נאָך אַ שעה קומט די רביצען צוריק צום רבי׳ן נישט וויסענדיג וואָס צו

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

טאָן, ווער וועט קומען אין אַזאַ צייט, עס איז אינדרויסען ממש סכנת נפשות, אויף וועט מען באַלד פאַרמאַכן די געשעפטען און עס וועט נישט זיין ווי צו קויפען, דער רבי באַרואיגט זי, זאָרג נישט הרבה שלוחים למקום, און דו וועסט זען אַז ישועת ה׳ כהרף עין, און פלוצלינג אַזוי רעדענדיג עפענט זיך די טיר און עס פאַלט אַריין אַ איד מער טויט ווי לעבעדיג נאַס און פאַרפרוירען, די רבי׳צן דערלאַנגט אים אַ הייס גלאָז טיי, דער רבי טוט אים אויס זיינע נאַסע בגדים טוט אים אָן טרוקענע, דער איד קומט צו זיך, ער נעמט אַרויס אַ פעקעל געלט, און דערלאַנגט עס צום רבי׳ן, די רעבעצין גייט שנעל אין געשעפט איינקויפען, די סומע געלט איז געווען פונקטליך וויפיל זי האָט באַדאַרפען פאַר שבת, דער רבי פרעגט אים וואָס עפעס איז ער געקומען אין אַזאַ צייט? ענטפערט דער איד איך וואוין אין טאָקאַי, איך האָב דאָס געלט אָפגעשיידט אַלס מעות מעשר פאַר רבינו, היינט נאָכמיטאָג האָב איך באַשלאָסן צו ברענגען דאָס געלט צום רבי׳ן, ווען איך האָב זיך אַרויס געלאָזט אויפן וועג האָט זיך פלוצים אונגעהויבען אַ שניי מיט רעגען און אַ ווינט,

איך האָב באַשלאָסן צוריק צו גיין אָבער עפעס האָט מיך דאָס האַרץ נישט געלאָזט גיין צוריק, איך האָב זיך מתחזק געווען, און ווייטער געגאַנגען, אַזוי האָט פאַסירט עטליכע מאָל, אין מיטען וועג איז געוואָרען אַזוי געפערליך צו גיין אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן גיין צוריקצוועגס, אָבער דער ווינט האָט אַזוי שטאַרק געבלאָזען אין מיין פנים, אַז עס איז מיר נישט מגעליך געווען צו גיין צוריק, איך האָב ווידער אָנגעהויבן צו גיין אויף אַלע פיר ממש קיין קריסטיר ביז איך בין מיט ניסים, קוים מיט צרות אָנגעקומען צום רבי׳ן. דער רבי האָט מיט אַ שמייכעל געזאָגט צו דער רבי׳צען: זע אַז מען האָט בטחון קומט איינער אויפן קאָפּ און ברענגט געלט.

**שבת קודש.** די עבודה פון שבת קודש איז געווען גאָר אַ געהויבענע, כאָטש רבינו פלעגט דאַווענען זעהר שטיל אָן אויסערליכע התפעלות, האָבען אָבער יודעי דבר געזען און געפילט די אימה ויראה פון זיין עבודת הקודש, ווער ער איז געזעסען ביים טיש פלעגט ער אַלע מאָל זיצען אויף דעם ברעג פון בענקעל, און כאָטש פון איין זייט איז ער געווען דבוק אין בורא כל העולמים, האָט ער אָבער פון דער

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

אַנדערער זייט געזעסען ליבליך צוגעלאָזען צו דעם עולם, אַליין געטיילט דאָס עסען, זיך מכוון געווען אַז יעדער זאָל האָבן גענוג צו דער זעט, אויך פלעגט ער שמועסן טיפע געשמאַקע שמועסן, דברי תורה פלעגט ער זאָגען פון ספרי צדיקים: נועם אלימלך, אך פרי תבואה, אוהב ישראל, ישמח משה, די אַטמאָספערע איז געווען אַ געהויבענע, דער עולם איז אויפגעהויבען געוואָרען מיט׳ן רבי׳ן צו אהבת ה׳ ואהבת ישראל.

באַזונדערע חכמה האָט זיך געפאָדערט צו באַפרידיגען חשוב׳ע געסט רבי׳שע אייניקלעך וואָס פלעגען קומען אויף שבתים וימים טובים, דער רבי האָט געזאָרגט אַז יעדער זאָל זיך פילען גוט לפי כבודו וכבוד בית אביו, אפילו ווען עס זענען געקומען אויף איין מאָל עטליכע אייניקלעך איז יעדער צופרידען געשטעלט געוואָרען. אויך נאָך שבת האָט ער יעדען באַזונדערס באַפרידיגט מיט חשוב׳ע סכומים. שבת אינדערפרי פלעגט זיך רבינו איילען צום דאַווענען זאָגענדיג מיט אַ זיס שמייכעלע, לאָמיר זיך איילען מיר האָבען הונגעריגע אורחים וואָס האָבען אַ גאַנצע נאַכט נישט געגעסען.

איינע פון די גרויסע עבודות פון רבינו איז געווען סעודת מלוה מלכ,ה מען האָט מוצאי ש"ק באַלד נאָך הבדלה גע'שחט'ן געקאָכט און געבאַקען, עס פלעגען קומען אידען פון נאָנטע שטעט או דערפער, מען האָט סערווירט סעודת שלמה בשעתו, דערנאָך האָט דער רבי דערציילט סיפורי מעשיות פון צדיקי אמת, וואָס האָט אונגעפילט דעם עולם מיט אמונה און בטחון.

# פרק ט

מיט דער צייט איז דער נאָמען פון רבינו הקדוש מפורסם געוואָרען איבער ער וועלט, מען איז געקומען פון נאָנט און ווייט, מען האָט קלאָר געזען אַז עס ווערט מקויים ביי רבינו די הבטחה „צדיק גוזר והקב"ה מקיים" – עס לעבען נאָך היינט אידען וואָס האָבען אַליין בייגעוואינט ביי אים ענינים נפלאים חוץ מדרך הטבע, אויך אבותינו ספרו לנו, נישט עד מפי עד, נאָר זאַכען וואָס זענען געווען בגדר בדידי הוה עובדא.

אַ פשוט'ער איד פון אַ דאָרף נעבען קריסטיר איז ביי אים דאָס ווייב ל"ע קראַנק געוואָרען, די

דאָקטוירים האָבען זי שוין אויפגעגעבען זי איז געלעגען באַוואוסטלאָז, אָן יעדע האָפענונג, — לאָמיר איבערגעבען דאָס וואָרט דעם איד אַליין, און אָט וואָס ער זאָגט: איך האָב געהערט און געוואוסט אַז עס איז דאָ אַ רבי אין קריסטיר, האָב איך איינגעשפאַנט מיין פערד און וואָגען און געפאָרען קיין קרעסטיר, ווען איך בין אונגעקומען איז שוין געווען שפעט ביינאַכט, צו מיין מזל האָט מיר דער גבאי געשריבען אַ קוויטעל, איך בין אַריין צום רבי׳ן, דערציילט דעם ביטערן מצב, זי ליגט נעביך אַ באַוואוסטלאָזע, די דאָקטוירים זאָגען אַז עס נישט דאָ וואָס צו טאָן, דער רבי נעמט דאָס קוויטעל און דרימעלט איין, איך טראַכט זיך, איך געפין זיך אין אַזאַ צרה און דער רבי שלאָפט גאָר ביי מיין קוויטעל... אָבער דער רבי איז לאַנג נישט געשלאָפען, ער כאַפט אויף און זאָגט מיר: פאָר אַהיים דיין ווייב איז שוין ב״ה געזונד. — איך בין געשטאַנען פאַרוואונדערט, און דער רבי זאָגט נאָכאַמאָל: אייל זיך און פאָר אַהיים איך האָב דיר דאָך געזאָגט אַז דיין ווייב איז שוין ב״ה געזונד, איך האָב נאָך אַלץ מסופק געווען וואָס צו טאָן, אָבער

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

איך האָב נישט געהאַט אַ ברירה ווייל דער רבי האָט מיך געיאָגט, פאָר שנעל פאָר בשעה טובה ומוצלחת! – אויף דעם גאַנצן וועג האָב איך נישט געוויסט וואָס טוט זיך מיט איר, איך האָב נישט געפינען קיינעם צו פרעגען וואָס עס טוט זיך אין שטוב, איך בין געווען מלא פחד, איך האָב פשוט מורא געהאַט צו עפענען די טיר, איך קום אַריין אין שטוב, איך זע מיין ווייב זיצט אין בעט זי שמייכעלט צו מיר אַז איך בין געקומען, איך פרעג זי ווי זי פילט, ענטפערט זי ב״ה זעהר גוט, נישט לאַנג צוריק איז דאָ געווען ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער און געזאָגט צו מיר: איך האָב דיר געברענגט אַביסעל מילך, טרינק פון דעם דריי לעפעלעך און דו וועסט זיין געזונד און שטאַרק. איך האָב אַזוי געטאָן און איך פיל זיך ב״ה אינגאַנצען געזונד.

די פאָלגענדע מעשה האָט דערציילט דעם רבי׳נס איידעם, וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט, עסענדיג קעסט ביי רבינו זצ״ל, מיר וועלען איבערגעבען די מעשה מיט זיינע ווערטער: איין פאַרטאָגס האָט עמיץ געקלאַפט אויף דעם טויער פון דרויסען, דער רבי איז אַליין געגאַנגען עפענען דעם טויער מקיים

צו זיין הכנסת אורחים בגופו, ווען ער האָט געעפענט דעם טויער האָט ער געזען אַז אַ פרוי שטייט דאָרט, האָט ער זיך צוריקגעצויגען, און געשיקט דעם שמש ער זאָל זי מסדר זיין, דערווייל האָט די פרוי דערזען די צורה פון רבינו, האָט זי צוזאַמען געקלאַפּט אירע הענד, און אויסגערופען מיט גרויס איבערראַשונג: אָט דאָס איז ער! אָט דאָס איז ער! — דער שמש האָט דערווייל אויף דעם באַפעל פון רבי׳ן זי אַרויפגעפירט אין ווייבער שול איר געגעבען צו עסען און טרינקען זי געשיקט צום שלאָפען. — איך בין זייער נייגעריק געווען צו וויסען די כונה פון איר שרייען: אָט דאָס איז ער! האָב איך באַלד אינדערפרי געשיקט מיין רבי׳צען זי צו פרעגען וואָס האָט זי געמיינט מיט איר שרייען? מייט רבי׳צען האָט זי געפינען אין קאָך, און געזאָגט צו איר; איך בין דעם רבי׳נס טאָכטער, מיין מאַן האָט געהערט פון אייך היינט פאַרטאָגס שרייען: אָט דאָס איז דעם רבי׳נס טאָכטער, מיין מאַן האָט געהערט פון אייך היינט פאַרטאָגס שרייען: אָט דאָס איז ער! וויל ער וויסען וואָס האָט אייך מיין פאָטער געטאָן אַז איר שרייט אַזוי? די פרוי האָט געענטפערט: אַזוי ווי איר

זייט דעם רבי׳נס טאָכטער, וועל איך אייך דערציילען מיין גאַנצע געשיכטע, — איך וואוין אין פולין און איך בין ב״ה אַ רייכע פרוי, איין מאָל בין איך ל״ע שטאַרק קראַנק געוואָרען, איך האָב פאַרלוירען דאָס באַוואוסטזיין, איך האָב געזען אין חלום ווי איך געפין זיך פאַר דעם בית דין של מעלה, עס שטייט אַ גרויסע וואָגשאָל, אויף איין זייט לייגט מען אַרויף מיינע מצוות און אויף איין זייט מיינע עבירות, עס זענען דאָרט געזעסען חשוב׳ע מענטשען תלמידי חכמים מיט אַ הדרת פנים, עס איז אַרויס זייער פסק אז איך דאַרף שוין דאָרט בלייבען, עס איז מיר פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען, ביטער אויף דעם האַרץ, וואָס קען איך טאָן אַ פסק איז אַ פסק! — מען האָט מיר געזאָגט: דו קענסט גיין פון דאָ. איך געדענק די מעשה פונקטליך, איך שטיי און קוק זיך אום, ווי קען מען דאָ אַרויס גיין? וואו קען איך ענטלויפען? אָז ס׳איז אַ הויז פון מאַרמאָר אָן אַ טיר אָן אַ פענסטער? פלוצלינג דערזע איך ווי פון אַ זייט עפענט זיך אַ טיר, און אַ מענטש מיט אַזאַ געשטאַלט, אַ ברייטען הוט, אַ נידעריקער, ברייטע פלייצעס, אַ פראַכטיגע צורה, אַ שיינע באָרד, קומט

אַריין, און באַלד ווי ער עפענט די טיר שרייט ער: ווי קען מען אַזוי פסק׳נען אַזוי שנעל! אַזאַ יונגע פרוי, מיט זעקס קינדער, זי קען נאָך טאָן אַסאַך גוט׳ס, זי מוז נאָך לעבען, איך בין נישט מסכים צו דעם פסק, — אַזוי קלאָר האָב איך געזען און געהערט, און איך געדענק דייטליך דאָס וואונדערליכע געשטאַלט, — נאָך דעם איז באַשלאָסן געוואָרען נאָכאַמאָל צו באַטראַכטען מיין דין, מען האָט נאָכאַמאָל געוואויגן און געמאָסטען, און עס איז געקומען אַ נייער פסק דין, איך דאַרף בלייבען לעבען מגדל זיין מיינע קינדער און מתקן זיין נאָך פיל גוטע זאַכען, — איך האָב זיך באַלד דערנאָך אויפגעוועקט אינגאַנצען געזונד, — ווען איך האָב זיך געשטאַרקט האָב איך בין אַרומגעפאָרען איבער גאַנץ פוילען צו אַלע צדיקי הדור און נישט געפינען מיין רעטער, איך בין אויסגעפאָרען גאַנץ אונגארען און נישט געפינען, איך האָב שוין געדונגען אַ וואָגען צו פירען מיך צו דער באַן אַהיים צו פאָרען, אויפן וועג פרעגט מיך דער בעל עגלה וועגען צוועק פון מיין קומען, ווען איך דערצייל אים מיין געשיכטע פרעגט ער: זענט איר שוין געוועזן ביי ר׳ ישעי׳לע

קרעסטירער? איך פרעג אים, ווער איז דאָס דער רבי? וואו איז קריסטיר? דער בעל עגלה זאָגט עס איז גאַנץ נאָנט אויב איר ווילט קען איך אייך באַלד אַהין פירען, אַזוי בין איך אָנגעקומען היינט פאַרטאָגס קין קרעסטיר. און דאָ איז געשען דער וואונדער אין דער מינוט ווען איך האָב דערזען דעם רבי'נס צורה, האָב איך דערקענט דעם צדיק וואָס איך זוך אַרום אַזוי לאַנג, דעם צדיק וואָס האָט מיך צוריקגעברענגט צו מיין מאַן און קינדער.

טויזענטער אַזעלכע געשיכטעס זענען אַרום געגאַנגען וועגען רבינו זי"ע, אידען פון נאָנט און ווייט האָבען געזען אין אים אַ איש פלא, אַ חידוש, אויך אידען וועלכע זענען שוין געווען ל"ע ווייט פון שמירת התורה והמצות, זענען מקורב געוואָרען, און פיל זיינען דורך אים געוואָרען שומרי שבת און מגדל געווען זייערע קינדער לתורה ויראת ה'.

# פרק י

אין יאָר תר"פ אין מיטן זומער איז די רבי'צן פלוצים קראַנק געוואָרען, זי האָט געליטען שווערע יסורים ביז כ"ב תמוז ווען זי איז נפטר געוואָרען,

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

רבינו האָט זי שטאַרק באַוויינט, ער האָט אָפּגעשאַצט איר גרויסקייט און אירע מעשים טובים, נאָך די טהרה איז רבינו מיט זיין זון אַריין אין צימער ווי די רבי׳צען איז געלעגען, און אַזוי געזאָגט: זאָלסט דיך נישט פאָרכטען פאַר גאָרנישט כאָטש וואָס מען דיר דאָרט ווייזען, איך גיב דיר אַ חלק פון אַלעם וואָס מיר האָבען געטון, אַלעס די העלפט. איך בעט דיך, דו האָסט דיך אַלץ געפּלאָגט פאַר אידישע קינדער, זאָלסט זיך יעצט אויך פאַר אידישע קינדער פאָרען, די צרות זענען זייער גרויס און משיח זאָל שוין קומען, איך מאַך דיך פאַר אַ שליח.

עס איז געווען אַ גרויסע לויה, די גאַנצע שטאָט האָט זי באַלייט און באַוויינט, איר מאַן רבינו האָט זי מספיד געווען תנצב״ה.

רבינו האָט ממשיך געווען זיין עבודת הקודש, מען האָט אים גערעדט פאַרשידענע שידוכים פון גרויס יחוס, אָבער רבינו מיט זיין גרויס עניוות האָט זיי דוחה געווען זאָגענדיג; איך ברויך נאָר אַ פשוט׳ע יודענע אַזוי ווי איך בין... בערך דריי יאָר שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ אשה חשוב׳ע אַ

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

צדקנית דעם יאָרע׳ר רב׳ס טאָכטער אַ אייניקעל פון הגה״צ ר׳ יואל צבי אבדק״ק חוסט יצ״ו, זי האָט ממשיך געווען וואוינען מיט רבינו אַנדערהאַלבען יאָר ביז פטירתו. ווען מען האָט די רבי׳צען געפרעגט וואָס זי האָט ביי אים געזען? האָט זי דערציילט? אַרום מיין בעט איז געווען אַ שפּאַנישע וואַנט און איך האָב גאָרנישט געקענט זען, נאָר ווען איך האָב זיך אויפגעוועקט אין מיטן די נאַכט צוויי דריי באַנאַכט האָב איך געהערט ווי ער דרייט זיך אַרום אין שטוב און ער איז עוסק מיט די קוויטלעך, און איך האָב מורא געהאַט צו קוקן וואָס ער טוט.

אין יאָר תרפ״ה איז דער פסח דורך בבית רבינו ווי געוועגליך מיט אורחים בשמחה וטוב לבב, נאָך יום טוב האָט רבינו זיך געגרייט צו פאָרען קיין צאנז אויף כ״ה ניסן צו דער יאָרצייט פון דברי חיים זי״ע, מצש״ק נאָך די מלוה מלכה האָט ער דערפילט אַ שוואַכקייט, מען האָט אים פרובירט צוריקצוהאַלטען פון די נסיעה, רבינו האָט געענטפערט אַז ער מוז פאָרען, מען האָט געוואָלט ער זאָל פאָרען מיט אַ שנעל צוג, עס זאָל זיין לייכטער און שנעלער, אָבער

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

רבינו האָט נישט מסכים געווען מיט דער טענה אַז ער קאָן נישט אויסגעבען אַזויפיל געלט איף שפּעזען... מיר קענען פון דעם אָפּלערנען אַ געוואַלדיגען מוסר השכל ווי אין דער צייט ווען עס האָט זיך ביי רבינו געוואַלגערט ממש טויזנטער אַז ביי אים געווען „צדיקים חביב עליהם ממונם יותר מגופם״ ווייל דאָס גאַנצע געלט איז געווען ביי אים מוקדש לצרכי צדקה וחסד.

רבינו איז געווען אין צאַנז, אויף דעם וועג צוריק איז ער געווען אין פּרעשאוו, דאָרט איז ער ל״ע זייער קראַנק געוואָרען, מען האָט אים געמוזט אַהיים ברענגען מיט אַ אויטאָמאָביל, עס זענען באַלד גערופען געוואָרען עטליכע דאָקטוירים און אַלע זענען געווען ביי דער מיינונג אַז עס איז ליידער גאָרנישט דאָ צו טאָן.

שבת קודש האָט רבינו זיך אָנגעשטרענגט טראָץ זיינע יסורים איז ער נאָך געווען אָנגעטאָן אין זיינע בגדי שבת, געמאַכט קידוש, אַליין געשניטען די מוציא, און טועם געווען אַ ביסעל, אויך פון די פיש האָט ער טועם געווען און געגעבען דעם באַדינער

זאָגנדיג נעם אַ שטיקעל דו האָסט דאָך אינדערהיים נישט געהאַט, און עס איז טאַקע אַזוי געווען, דערנאָך האָט ער אַריין געשיקט דעם טעלער פיש צו זיין זון אין בית המדרש אַז ער זאָל עס טיילען צו די חסידים, דאָס איז געווען אַ רמז אַז ער איז אים מסמיך צו פירן די עדה.

מוצאי ש״ק זענען געקומען גרויסע דאָקטוירים פון בודאַפעסט, אַלע האָבען אים אויפגעגעבען, אָבער רבינו האָט טראָץ די יסורים זיך איינגעהאַלטען, נישט געשריגען, און מקבל געווען די יסורים באהבה, דער עולם האָט זיך פאַרזאַמעלט אין בית המדרש און מפציר געווען בתפילה, עס איז געווען אַ גרויס התעוררות, דער עולם האָט פאַרגאָסען טייכען טרערען זעענדיג ווי זייער באַליבטער רבי ליידט שרעקליכע יסורים, די קולות ובכיות זענען געווען עד לב השמים, אָבער ליידער זענען אַלע טויערען פון הימעל געווען פאַרשלאָסען, בבחינת גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה.

ווען די דאָקטוירים זענען צוריק געפאָרען האָט רבינו איבערגעגעבען זיין צואה בעל פה צו דריי

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

חשוב׳ע בעלי בתים פון קריסטיר, ער האָט ממנה געווען זיין בן יחיד ר׳ אברהם זצ״ל זאָל זיין דער ממלא מקום, ער זאָל פירען דאָס הויז אָפען פאַר אַלע צובראָכענע הערצער, און ער האָט געזאָגט בזה הלשון: אברהמעלע וועט ברענגען די קוויטלעך אויפן ציון, האָף איך אַז מען וועט געהאָלפן ווערען ווי ביז איצט, דעם בית המדרש שענק איך אים, ער האָט זיך גענוג געפלאָגט ביים בוי, — מיט די ברכות וואָס אַלע צדיקים האָבען מיך געבענטשט בענטש איך דיך.

רבינו האָט זיך צוגעגרייט צו דעם טריט פון איבערגעבען די נשמה אין די האַנט פון באַשעפער מיט גרויס דביקות, זיינע ליפען האָבען כסדר געמורמעלט תפילות, ער האָט געלאָזט רופען די חברה קדישה, געפרעגט וואָס זיי פאַרלאַנגען פאַר׳ן מקום קבורה, זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען באַצאלט, אָבער רבינו האָט געזאָגט אַז ער האָט אויף דעם גרייט פיר הונדערט קרוינען, אויך האָט רבינו געגעבען זיי געלט צו טיילען צו אָרעמעלייט נאָך די פטירה, אַ גאַנצן טאָג זונטאג האָט רבינו גענומען קוויטלעך און געבענטשט דעם עולם.

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אמת׳ע רועי ישראל, וואָס אין זייערע לעצטע מינוטען טראַכטען זיי נישט פון זייערע אייגענע ענינים, נאָר זייער זאָרג איז געווענדעט צו דעם פאָלק רבינו הק׳ דער אמת׳ער אוהב ישראל האָט אַ טאָג פאַר זיי פטירה אָנגעזאָגט פאַר די איינוואוינער פון קריסטיר, אַז זיי זאָלען אָנקאָכען אַסאַך ערדעפּעל מיט פּאַפּריקא, בכדי דער עולם וואָס וועט זיך פאַרזאַמלען צו דער לויה זאָל חלילה נישט הונגעריק בלייבּען, אָט די מעשה איז אַ רעזולטאַט פון אַ הייליג לעבען פון אַ קייט פון ביטול העצמיות, פון לעבען פאַר אַנדערע נאָר אַזוי קען מען זוכה זיין אַז אין די לעצטע שעות פון לעבען וואָס אַלע פשוט׳ע מענטשען זענען דעמאָלט קאָנצענטרירט אין זייערע אייגענע יסורים, אָדער אין חשבון הנפש זיך מתקן צו זיין, תשובה צו טאָן, בכדי זוכה צו זיין בדין של מעלה, וואָס דאָס איז דאָך אויך אייגענע אינטערעסען, האָט ער דער צדיק אמת מבטל געווען זיין איך און געטראַכט אַז דער עולם זאָל האָבען צו עסען ערדעפּעל מיט פּאַפּריקא...

זונטאג נאַכט האָט רבינו געבעטען זיין אייניקעל

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

ר׳ מאיר יוסף זצ״ל ער זאָל זינגען· יום זה מכובד, אויף זיין פראַגע: איז היינט שבת? האָט רבינו געענטפערט: יאָ! אַזוי האָט ער מערערע מאָל די נאַכט געהייסען זינגען זמירות, און ער אַליין האָט מיטגעזונגען און געזאָגט פסוקי דרחמי.

מאנטאג דריי טאָג אין אייר תרפ״ה איז געווען דער ביטערער טאָג ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, רבינו הק׳ האָט אומגעקערט זיין נשמה צו השי״ת בקדושה וטהרה, מיט גרויס דביקות, אין דער אָנוועזענהייט פון אַ גרויסען עולם חסידים וואָס זענען געשטאַנען אַרום זיין בעט. דאָס געשריי און געוויין איז געווען אין לשער, מען האָט געפילט ווי מען האָט פאַרלוירען אַ געטרייען טאַטען, אַ פאַרזאָרגער, די גאַסען פון קריסטיר האָבן נאָך נישט געזען אַזאַ ריזיגען עולם מיט געוויינען און געשרייען אויף דעם גרויסען בראָך, גדולי הרבנים וצדיקים האָבען זיך פאַרזאַמעלט לכבודו, מען האָט אים מספיד געווען, און אַרויסגעברענגט דעם גרויסן וואונדער פון אַ אָרעם יתומ׳ל וואָס האָט דורך זיין אייגענע האָראוואניע זוכה געווען צו ווערען אַ צדיק

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע קרעסטירער זצ״ל

הדור, רבן של ישראל, וואָס זיין הייליגער זכר וועט בלייבן מיט אונז אויף אייביג.

**זכותו יגן עלינו ועל כל בית ישראל אמן.**

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע מקערעסטיר

# פון דוד בוים

איין אמת׳ע עובדא אָדער ווי מען זאָגט אַ מעשה פון ר״ר ישעי׳לע פון ב.קערעסטיר, אידיש געזאָגט קערעסטיר, דער גרויסער בעל מכניס אורח פועל ישועות ורפואות זצוק״ל וזכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

ווען איך שרייב אַראָפּ אַ מעשה פון אַ צדיק אָדער בכלל איין אינטרעסאַנטע געשעהעניש מוז די מעשה זיין איש מפי איש און נישט סתם אַ מעשה פון אַ מעשה ביכל, אָדער דער געשעהעניש איז וואָס איך בין דאָרט געוועזן אָדער דער וואָס האָט די געשעהניש אָדער פּאַסירונג דערציילט איז אַליין דאָרט געוועזן. די פאָלגענדע מעשה פון ר״ר ישעי׳לע זצוק״ל האָט מיר דערציילט ר׳ מענדל הי״ד געוועזן דער שוחט מומחה און אַן איש צדיק בכלל און אילאָק יוגאָסלאוויא, וואָס ער איז דאָרט געוועזן אין קריסטיר אויף שבת, מעשה שהי׳ כך הי׳.

ווער האָט דען נישט געהערט פון ר׳ ישעי׳לע, ווער האָט דען נישט געהערט פון די נישט געוועהנטליך

# מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע מקערעסטיר

גרויס הכנסת אורחים פון דעם צדיק ר״ר ישעי׳לע, ער האָט אַליין־אַליין ולא השליח אָנגעפיהרט והי׳ עומד עליהן ויאכלו, ער האָט אַליין געשניטען די מזונות פאַר אַלע געסט פאַר תקיעת שופר, ווען אַנדערע צדיקים האָבן אין די הויכע מינוטען עוסק געווען מיט טיפע כוונות פון תקיעת שופר, אין דער הייליגע צייט האָט ר׳ ישעי׳לע אָנגעגרייט מזונות אַז די הונגעריגע אורחים זאָלען האָבען שוין צו פערבייסען נאָכן דאַווענען. ער האָט בעצמו ובכבודו געטיילט די בילקעס די פיש די זופ בעין יפה ובסבר פנים יפות כידוע. ועל כולם די סעודת מלוה מלכה איז געווען גרעסער הויכער ווי אַלע סעודות. מען האָט נישט געגעבן דעם שריים פון שבת, נאָר מען האָט פריש גע׳שחט׳ן, געשטעלט טשאָלנט געקאָכט פיש, געבאַקען פרישע חלות, דער סעודה איז געווען מלכות׳דיג סעודת דוד מלכא משיחא, חסידים פון גאַנצען געגענט זענען צונויף געקומען, און פערברענגט ביז פאַרטאָג מיט זמירות ותשבחות, און בפרט מעשיות פון רוב תלמידי בעל שם הקדוש זצוק״ל. עס האָט פאַסירט איינמאָל, דאָס קיינער האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו דערציילען, עס איז

געוואָרן שטיל. רופט זיך אָן דער רבי, נו! ס׳איז נישט דאָ קיינער וואָס דערציילט אַן עובדא, איינער קוקט אויף דעם אַנדערן אָבער עס איז ווייטער שטיל אין ביהמ״ד. ״אַזוי ווי קיינער קען נישט דערציילען וועל איך אייך דערציילען אַ מעשה פון מיר אַליין״, און יעצט גיט ב׳ ישעי׳לע אַ טיפען שמייכל, און זאָגט נאָכאַמאָל ״פון מיר אַליין״... דער גאַנצער עולם האָט מיט גרויס נייגעריגקייט געשפיצט די אויערן צו הערן אַזאַ זעלטענע סיפור וואָס דער רבי אַליין האָט צו דערציילען און נאָך דערצו ״פון מיר אַליין״. **דער רבי דערציילט:**

עס איז צו מיר אַריינגעקומען אַ איד און זיך בעקלאָגט אַז ער איז אַ פישער, דאָס איז זיין פרנסה, ער כאַפּט פיש אין טייך און פערקויפט עס צו די פיש געשעפטען, ער האָט אַן איינציגע טאָכטער און ער האָט גענומען אויף זיך, כאָטש ער איז קיין ת״ח אָבער ער וויל אַן איידעם אַ פיינעם בחור, אַן איידעם, וואָס וועט קענען זיצען און לערנען כל ימיו, ווי לאַנג ער וועט לעבען וועט ער זיי אויסהאַלטען מטה כסא שולחן ומנורה, דער

באַשעפער האָט געהאָלפען און האָט געטראָפען אין אַ ישיבה זייער אַ חשובן פיינעם בחור אַ תלמיד חכם וכו׳, איך האָב מיין מחותן צוגעזאָגט אַלעס צו צאָלען, די גאַנצע הויז איינריכטונג, די חתונה הוצאות ובכל מכל כל. זיין טאָכטער איז צו מזל אַ כלה געוואָרן, אַלעס איז אין בעסטען אָרדענונג געווען, אָבער רבי! זייט מיין טאָכטער איז אַ כלה געוואָרען קיין פיש וויל נישט אַריינגיין אין מיין נעץ, און הייבט אָן ביטער צו וויינען, דער מחותן פרעגט מיך שוין עטליכע מאָל אויב מען קען שוין בעשטימען די חתונה, אָבער אַזוי ווי איך האָב קיין פיש האָב איך קיין געלט און איך קען קיין חתונה נישט באַשטימען ווייל ״אָנע געלט איז קיין חתונה״, האָב איך אים מיט פאַלשע תירוצים משלח געווען און פערלענגערט די צייט פון בעשטימען די חתונה, אָבער ווייטער גייט עס שוין נישט און איך האָב פשוט מורא, דער שידוך זאָל חס וחלילה נישט צוריקגיין, יעצט וויינט דער איד אַזוי ביטער, אַז ער האָט אפילו נישט געקענט רעדען ווייטער, דאָס איך האָב שוין כמעט מיטגעוויינט מיט דעם פיש־מאַן. האָב איך אים געזאָגט, הער מיין עצה, גיין און קויף

דיר אַ נייעם נעץ. אוי רבי לעבן! ענטפערט מיר דער איד: איך האָב שוין געקויפט אַ נייעם נעץ אָן דעם רבי׳ס עצה, איך בין געקומען צום רבי׳ן דאָס דער רבי זאָל מיר אָנווינטשען און געבען מיר אַ ברכה אַז די פיש זאָלען יאָ אַריינגיין און מיין נעץ. האָב איך אים געזאָגט: הער מיין עצה, קויף דיר אַ נייעם נעץ, דער איד האָט געגלויבט אָז איך הער נישט גיט, האָב ער זיך צוגעבויגען צו מיר און געוואָלט אַריינשרייען אין מיינע אוירען די פריהערדיגע ענטפער, אָבער איך האָב אים געזאָגט, איך האָב ב״ה גוט געהערט וואָס דו האָסט געענטפערט, נאָר הער מיין עצה גיין און קויף דיר אַ נייעם נעץ. דער איד האָט יעצט שוין פערשטאַנען דאָס איך וויל ער זאָל דוקא קויפען אַ נייעם נעץ, איז ער געגאַנגען און האָט מיך געפאָלגט. ער איז אַרויס אויפן וואַסער מיט זיין נייעם נעץ, און אַזוי ווי ער וויל שוין אַרויסציהען דעם נעץ פון וואַסער צו זען וואָס ער האָט מיט זיין נייעם נעץ אויפגעטון, ער ציהט־ציהט און ציהט אָבער דער נעץ רירט זיך נישט פון אָרט, צוויי דריי גוים האָבען געזען ווי ער פלאָגט זיך און שלאָגט זיך אַרום מיט דעם נעץ, זענען זיי מיט גרויס גאוה צוגעקומען, און

געזאָגט ״גיי נאָר אַוועק פון דאָ, דו האָסט צו דעם קיין כוח״, אָבער זיי האָבען אויך נישט געקענט אַוועקרייסען פון אָרט דעם נעץ. האָט זיך איינער אָנגערופען ״איך האָב אַ שכן וואָס ער 2 שטאַרקע פערד איך וועל אים אַראָפּברענגען מיט זיינע פערד, זיי וועלן שוין אַרויסקריגען דעם נעץ״. דער איד האָט נעבעך געגלויבט, אַז דער נעץ האָט זיך פאַרהאנקערט אין וואָרצל אָדער אַ שטיין און ווען די פערד וועלן עס געבען אַ שלעפּ וועט דער נעץ ווערן צורריסן, אָבער עס איז נישט דאָ קיין ברירה, דער נעץ מוז ווערן אַרויסגעשלעפּט, מען האָט מיט אַ לאַנגע אייזענע קייט צוגעטשעפּעט צו צום נעץ און דער גוי גיט אַ שלעפּ די פערד, די פערד הייבען אָן צו ציהען דעם נעץ, דער נעץ קומט שוין לאַנגזאַם נענטער און נענטער צום באָרטען, דער איד האָט נישט געוואָלט אפילו גלייבען וואָס ער האָט געזען, דער נעץ איז געווען פול־פול מיט פיש, אָבער נישט אַזוי ווי געווענטליך ווען מען כאַפּט פיש איז דאָ יו דער נעץ קליינע פישלעך וואָס די פישערס וואַרפען אפילו צוריק אין וואַסער, און אַביסל גרעסערע און אויך גאַנץ גרויסע, אָבער יעצט איז געווען דער נעץ

פול מיט שיינע גרויסע פיש, אָבער אַלע איייניג, און ר׳ ישעי׳לע מאָלט עס אויס מיט זיינע הענד – אַזוי גרויס – אַזוי גרויס .... אַלע אייניג, ממש ווי ברידערלעך – ווי ברידערלעך, איז געווען ב״ה הצלחה, די הוצאות חתונה און צו קענען מאַכען אַלע נעטיגע אָנגרייטונגען צו די חתונה, מיר האָט דער איד אויך געבראַכט מיט קאָרב, עס האָט געהאַט ממש טעם גן עדן. זכותו יגן עלינו.

איך בין געווען אַ ש״ץ מו״ץ אין אַ קליין קהילה אין יוגאסלאוויא, דאָס שטעדטעלע האָט געהייסען באטשקא פאלאנקא, האַרט נעבען דעם טייך דונא (Duna) אויף דער אַנדערער זייט פון טייך איז געווען ק״ק אילאק. בקיצור המעשה: איך האָב געהאַט דאָרט אַ בעל בית ר׳ בנימין צילצער ז״ל ער איז נישט געווען קיין גרויסער תלמיד חכם, אָבער אַן

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע מקערעסטיר

אמת׳ער עהרליכער איד זיין, עהרליכקייט האָבען אפילו די דאָרטיגע גוים באַווינדערט עס איז געווען אַ קידוש השם.

דער ר׳ בנימין צילצער האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז אין ערשטען קריג איז ער געווען אַ זעלנער אַ בעל מלחמה, ער איז געווען אַרויסגעשיקט במקום הסכנה, אויפ׳ן שלאַכטפעלד, האָט ער דאָרט געקריגען צוויי וואָכען אורלויב אַהיים צו פאָהרען צו זיין משפחה. ער איז געפאָרען אַהיים אָבער ער איז אָנגעקומען ערב שבת ביז מישקאָלץ, פון דאָרט איז נאָך געווען ווייט ביז פאלנקא, ביז שבת וואָלט ער געדאַרפט ערגעץ איבערנייסען זיין וועג. האָט ער געדענקט בעסער צו בלייבן איבער שבת אין מישקאָלץ וואָס עס איז אַ גרויסע אידישע שטאָדט און דאַן מוצאי שבת ווייטער פאָהרען, האָט ער געפרעגט אַ איד אויף דער גאַס, ווי מען קען אַנשטיין איבער שבת, האָט אים דער איד געענטפערט: מיין ליבער איד איך זע איר זענט אַ זעלנער (מיט די פולע רוסטונג) איר קומט פון אַזאַ מקום סכנה, האָב איך אַ גוטע עצה פאַר אייך, פאָרט אַריבער אויף קריסטיר צו ר׳ ישעי׳לע, דאָרט וועט

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע מקערעסטיר

איר האָבען אַ שבת כיד המלך, דער רבי וועט אייך מכבד זיין כבוד מלכים, ער איז מכבד אַ יעדען איד בכלל אָבער אַ זעלנער בפרט, און נאָך אַ מעלה, איר דאַרפט דאָך מיטנעמען אַ ברכה פון ר׳ ישעי׳לע׳ן אַז איר זאָלט ניצל ווערן פון אַלעם שלעכטן, פאָלגט מיך איר וועט מיר דאַנקבאַר זיין ווי לאַנג איר וועט לעבען. ר׳ בנימין האָט געזען דעם ערנסטען פנים פון דעם אַלטען איד און זיינע אויפריכטיגע רייד, האָט ער געפאָלגט, און דער איד האָט אים אפילו אַרויסבעגלייט צום באַן, און אָנגעווינטשען גרויס הצלחה.

ר׳ בנימין האַט געקלערט עס איז כדאי אָנצוקומען מיט אַ האַלבען טאָג שפעטער אַהיים, און מיטנעמען מיט זיך די ברכה פון צדיק. ער איז אָנגעקומען קיין קריסטיר, ער איז באַלד אַריין צום רבי׳ן שלו׳ נעמען, ער האָט שוין באַמערקט אויפ׳ן רבי׳נס פנים אַז ער איז אויפ׳ן ריכטיגען פלאַץ אויף שבת, דער רבי האָט באַלד געגעבען אַן אָרדער מען זאָל אים בעזאָרגען מיט אַלעמען, קוואַרטיר און אפילו פרישע וועש האָט מען אים געגעבען אויפ׳ן רבי׳נס בעפעל. נאָך קבלת שבת זענען אַלע אורחים אַריין אין אַ גרויסן

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע מקערעסטיר

עס זאַל, אַיעדער האָט קידוש געמאַכט, געוואַשען, דער רבי בעצמו ובכבודו געטיילט אַ יעדען אַ בילקע, אָבער נישט אַ בילקעלע פון אַ כזית אַנערט־אַהאַלבען ווי ביי אונז אויף שלש סעודות אָדער ביי אַ חתונה נאָר אַ בילקע וואָס מען האָט זיך מיט דעם אַליין געקענט זעטיגען, פיש ממש אַ גוזמא פאַר אַ פאָרציע, דאַן הייסע זופּ מיט לאָקשען, וואָס צוויי גבאים האָבן געטראָגען אַ געוואַלטיגען טאָפּ און דער רבי מיט אַ גרויסען שעפּלעפל האָט געטיילט פאַר יעדען אורח. (דאָ מוז איך מיך אפּשטעלען און דערציילען אַז אונזער אורח דער זעלנער האָט זייער ליב געהאַט צו עסען הייסע זופּ, אין דערהיים האָט ער געקענט אפילו מוחל זיין די פיש און דאָס פלייש און געגעסען צוויי גוטע טעלער זופּ). יעצט גייען מיר צוריק צום רבי׳נס זופּ דער רבי האָט אים געגעבען אַ גוטע שעפּלעפל הייסע זופּ אַזוי ווי פאַר אַלע אורחים גלאַך, אָבער דער רבי גייט נישט ווייט אַוועק פון אונזער זעלנער און דער רבי הייסט די גבאים: קומט נאָר לאָמיר גיין צוריק צו דעם זעלנער דער האָט דאָך אַזוי ליב צו עסען זופּ לאָמיר אים געבען נאָך אַ לעפל. אונזער זעלנער ר׳ בנימין האָט

## מעשיות מהצדיק ר׳ ישעי׳לע מקערעסטיר

ממש נישט געוויסט אויף וועלכען עולם ער איז, דאָס ער האָט זייער ליב זופּ האָט דאָך קיינער נישט געוויסט נאָר ער אַליין און זיין פרוי, און דאָ גיט דער רבי אַ זאָג דער זעלנער האָט דאָך אַזוי ליב זופּ, איז דאָס באמת אַן אפענע רוח הקודש.

מוצאי שבת איז ר׳ בנימין אַריין צום רבי׳ געזעגענען מיט אַן אמת׳ע געפיהל פון דאַנקבאַרקייט פון דעם גאַנצן שבת׳דיגע עונג הרוחני און דער רבי האָט אים אומגעבעטען געגעבען אַ מין מטבע וואָס ער האָט ים געהייסן מיטנעמען אויפ׳ן שלאַכטפעלד און עס טראָגען אויך אינדערהיים, האָט ער שוין פאַרשטאַנען דאָס דער הייליגער צדיק האָט אים אויך מבטיח געווען דאָס ער וועט בשלום דורכלעבען דעם קריג, ר׳ בנימין האָט מיר געצייגט דאָס געלט, וואָס ער וואָלט נישט אַוועקגעגעבען פאַר כל חללה דעלמא, זכות פון ר״ר ישעי׳לע זאָל אונז אויך ביישטיין ניצול צו ווערען מכל מרע ח״ו און דערלעבען משיח צדקנו בב״א.